STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04675

IKH ZING TSU DIR

Zalman Chaiken

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איך זינג צו דיר



זלמן בייקין



Z. CHAIKEN

א פאר ציילטיקע באמערקונגען

עס קומט א גרויסן יישר כח, קודם כל, צו דער ענערגישער מרס. ל. קארין, עקזעקוטיוו דירעקטאר פון גאלדען איידזש קלוב פאר דער איניציאטיוו, ווי אויך דער פירערשאפט פון "נעשאנעל קאונסיל פון יידישע פרויען", ספעציעל זייער "מיינע האלענבורג" צווייג, פאר דעם נאבעלן טאט, פארווירקלעכן א חלום פון עטלעכע צענדליק יאר, פון א פאלקס ייד, וואס איז געבענטשט פון גאט מיט טאלאנט צו שרייבן, קענען אויסדריקן זיינע געפילן אין ווערטער צו דער נאטור, מענטש און פריינד און לאנד וואס איז כמעט א טייל פון זיין לעבן.

זלמן כייקין קומט ארויס פון א זינגענדיקע משפחה. א ייד וואס איז אנגעזאפט מיט א ים רוסישע מעלאדיעס, וועלכע פלעגן טאג און נאכט געזונגען ווערן אין דער פאמיליע. ער האט א טאלאנט צו גע- דענקען א ניגון, אים ארייננפלעכטן אין הארציקע ווערטער, צוגעפאסט צו צייטיקע טעמעס - ווי ליבעס לידער, נאטור לידער און צו ארץ ישראל - צו חלוצים וואס בויען און פארטיידיקן דאס לאנד, און צו יעדער נאציאנאלע פאסירונג. אין פרייד און אין טרויער, עס לאזט אים ניט רוען, ביז ער ברענגט ארויין זיינע געפילן אין ווערטער, באפוצט מיט ריטעם און גראם.

זלמן כייקין פרעטענזירט ניט צו זיין א פאעט, צו שרייבן פאעזיע וואס זאל קלאסיפיצירט ווערן ווי ליטעראַרישע שאפונגען. ער האט אבער יא דעם כח, ארויסברענגען אין פערזן מיט ריטעם און א לייכטן גראם אלעס וואס ער פילט, אמערסטנס, נאענטע און טייערע צו אים פאסירונגען. דערפאר ווערט ער אלעמאל הארציק באדאנקט פון די וואס הערן זיינע א ליד.

צו זיין אנערקענונג, וויל איך דערמאנען, אז א גרויסע צאל וויניפעגער טאלאנטן זיינען פאפולער געווארן אין וויניפעג א דאנק זלמן כייקינ׳ס לידער וואס פלעגן געהערט ווערן כמעט יעדן זונטיק אויף דער יידישער ראדיא, און ביז היינטיקן טאג, זיינען אים מרים בריטמאן, פעי זיפמאן, ווירא אמניצקי, ראשי רודעליר דאנקבאר. זיי זיינען אלע כמעט פרא- פעסיאנאל, אבער צו זלמן כייקינ׳ס אונטערנעמונג זיינען זיי אלעמאל דא.

א הארציקן דאנק צו אלע אינדיווידועלע פערזאנען וואס האבן געהאלפן דערביי, ווי אויך דעם "קאנאדער יידישן קאנגרעס" פאר זייער הילף.

ווען דאס ביכעלע מיט די לידער גייט דערזען די ליכטיקע וועלט, וואלט דאס געדארפט געפינען אן ארט אין יעדן וויניפעגער יידישער היים. דאס וואלט זיכער געגעבן דעם מחבר א סך מוט, כח און תענוג אויף די עלטערע יארן. מיר האפן, אז ער איז געבענטשט נאך מיט פיל יארן פון טעטיקייט און שאפן.

מזל טוב אייך, מיין פערזענלעכער פריינד, זלמן כייקין.

אייער,

נח וויטמאן.

The members of the Mina Hollenberg Branch, National Council of Jewish Women of Canada, Winnipeg Section, have been most honoured and pleased to have had the responsibility of sponsoring Mr. Chaiken's creative works. This booklet is our way of saying thank you to our Golden Age members, who helped build this fine Jewish community for us and for our children.

Sincere thank you to Mrs. L. Corrin, Executive Director of Golden Age Club, the Canadian Jewish Congress, and all those who helped us prepare this booklet.

Thank you to all the members of the community who supported our Branch fund raising 1971-1972, enabling us to publish this fine collection of poems.

Gratefully,

Mrs. Earl Heltay,
Chairman, Mina Hollenberg Branch
Mrs Earl Heltay

Mrs. Robert Freedman,
Golden Age Chairman,
Mina Hollenberg Branch.
Mrs. R. Freedman

I would like to thank all those who have made this publication possible, as well as the many individuals who have helped in every possible way.

The following poems, entitled "I Sing to You" is the result of my work of the past thirty-five years. I beg the indulgence of the reader to forgive any omission or that which may appear superfluous.

Z. Chaiken

Z. Chaiken

I should like to dedicate this volume of poems to my wife and children who have, in all the years of my work been a source of encouragement, also to the memory of my sister Rose Mass whose golden voice echoed these songs until the last days of her life.

- Zalman Chaiken

אינהאלט

1. ישראל לידער

איך זינג צו דיר
דער מארש – געווידמעט די געפאלענע העלדן פון ישראל
שטייט אויף חלוצים
מיין לאנד
שמידער
הבונים מארש
דאס פרייהייטס ליד
איך שפאציר
בענקט מיין הארץ אהין
גרויסער ים
שלאף מיין קינד
ווי לאנג
לידעלעך אין ירושלים
איבער וועלדער, פעלדער
אין ישראל תפיסה
דער באבעס וואונטש
די שער
א בחור, א העלד
געדאנקען
מיין הייליקער טרוים
רבקה׳לע
מיר זיינען חלוצים
דאס אייביקע ליד
מיין שיינער חלום

2. צו פערזאנען

הונדערט יאר מאניטאבא
צו עך קארין – גאלדן אידיש קלוב דירעקטאר
אנערקענונג צו ראז ספיוואק
צו עלסי
פריינד מיינער
אהיים פון שלאכט פעלד
א טרייסט ווארט
צו ברכה קאפשטיין
צו א דיכטער
צום דיכטערס 70טן געבורטסטאג
צו א זינגער
צו סוויט סיקסטין
די מאדערנע כלה
א ניי געבארן קינד
צו א קינד
צו ל...
צי געדענקסטו מיין קינד
ווו נעמט מען שוין טרערן

3. <u>פערזענלעכע לידער</u>

מיין 75סטן געבורטסטאג – קלאפט דער זייגער
מיין 78סטן געבורטסטאג
מיין 79סטן געבורטסטאג – אך, די יוגנט
מיין 80סטן געבורטסטאג – זאל איך
ווען איך פארטראכט זיך
די זומערדיקע טעג
צום אנדענק פון מיין שוועסטער – ראשע מאסס
מיין שוועסטער א פליכטלינג
א מתנה – צום זונ׳ס געבורטסטאג
צו מיין טייער קינד אין דער ארמיי
בלומען – צו א סאלדאט
צו מיין זונ׳ס 27סטן געבורטסטאג
חתן־כלה – מיין זונ׳ס חתונה
ווערטער – צו לואיז, מיין טאכטער
איך געדענק – אונדזער גאלדערנער עניווערסערי
ווען איך וואלט געוואוסט
ווען איך דערמאן זיך
ווען איך וואלט געקענט – מיין רייזע צו ניו יארק
איך וויל זאל זיין פריילעך
ווען פרילינג קומט
ראש השנה אין שפיטאל
בלומען אין שפיטאל
דריי רויזן אין שפיטאל
מיין היימיש שטעטעלע
די הושענה
מיין גארטן
א פייערדיקעווארט
צוויי נשמות – איך און ליבעזאן
א בריוו פון די ביטש – צו מיין פרוי
איך האב דערציילט
א בריוועלע דער מאמען פון די ביטש
מאדערא ביטש – צו מיין פריינד מיראף
צו מיין הינטעלע׳ס 5טן געבורטסטאג
פרילינג לופט

4. <u>ליבע לידער</u>

שמחת תורה
פאטערס טאג
מוטערס טאג
די בלום
טייערע מאמע
א בריוו
געדענקסטו די נאכט
פינצטערע נאכט
דער פרילינג קומט

איך ליב
לויפט א טראיקע
אויגעלעך שווארצע
מיין קערבעלע
קום מיין געליבטע
רחל׳ע
די רויז
אלע זאגן
ליבע
גליק

5. פארשיידענע לידער

דאס לעבן איז א לידעלע
א וואסער מיל
פרילינג
זינגט ס׳פייגל
דער הימל איז בלויער
וואלקנס
שטערן
הארבסט
ווינטער
אין שניי איז דער גארטן
טאנצט-זשע קינדערלאך
פורים
מיין ליבע מייזעלע
הארבסט
מענטש
אין קריקעט-זומער היים
חנה׳לע בויט א שיף
פערעלע
צו מיין הינטעלעס זיבעטן געבורטסטאג

ישראל לידער

<u>איך זינג צו דיר</u> (סערענאדע צו ישראל, 1962)

מיין צויבער לאנד, מיין ליבסטע מוטער-ציון,
צו דיר קום איך פון ווייטן וואנדער-וועג,
אויף אלטער ערד צופאלן און צו רוען,
און קושן זי נאך שווערע גלות-טעג.

איך זינג צו דיר, צו דיינע בערג און טייכן,
דאס פידעלע האב איך מיט זיך געבראכט,
דיין שיינקייט דא האט גאר ניט קיין גלייכן,
דער הימל לייכט מיט שיינענדיקער פראכט.

איך וועל בא דיר א ווייגגארטן פארפלאנצן,
א גארטן פול מיט ליבשאפט און געזאנג,
ס׳וועלן קינדערלעך ארום די בלומען טאנצן
און צערטלען וועט דיין וואלד דעם עכא-קלאנג.

ווען אויסהערן וועסטו מיין וואנדער-ניגון,
נאך יארן לאנגער בענקשאפט און געוויין,
א מידן וועסטו מיך דאן מוטערליך פארוויגן:
„פארבלייב בא מיר, גענוג שוין ווייטער גייין."

(מעלאדי: נאקינגוו פלאשטש)

דער מארש

געווידמעט די געפאלענע העלדן אין ישראל.

געפאלן איר העלדן אין בלוטיקן שלאכט,
פאר א לאנד, פאר א בעסערער וועלט,
געשלאגן דעם שונא ווי טאג אזוי נאכט
אין די היצן, אין ביטערע קעלט.

כאטש די קויל האט פארמאכט אייך די אויגן
דאך פלאמט אין די הערצער א ליכט,
אויף אייערע קברים מיט קעפ געבויגן
מיר שווערן צו טאן אונדזער פליכט.

מיר וועלן זיך קלייבן אלע אין מאסן
אויסראטן דעם שונא פון לאנד,
מיט פרייהייט לידער איבער די גאסן,
די בלוי-ווייסע פאן אין דער האנט.

שלאפט-זשע רואיק, איר העלדן-מארטירער,
די לאנד האט איר ערלעך באשיצט,
אייערע נעמען, איר שטאלצע פירער,
אויף אייביק וועט בלייבן פארקריצט!!

שטייט אויף חלוצים

שטייט אויף חלוצים, ס׳פלאמט שוין דאס הימל,
די זון אין פרימארגן צעגיסט שוין איר שיין.
עפנט די אויגן פון נאַכטיקן דרימל,
שיפן מיט עולים שוין קומען אריין.

עס קומען אן אלטשינקע, שוואכע און קראנקע,
עס קומען אן קינדער, יתומים מיט זיי,
מיר טארן ניט רוען, מיר דארפן נאך בויען
היימען, שפיטאלן און שולן פאר זיי.

מיר טארן ניט ווארטן, מיר דארפן זיך איילן,
מיט אפענע אויגן זיין אויף דער וואך,
עס טראגן זיך קלאנגען פאר טויזנטער מיילן,
זיי שרייען „א היים, מיר דארפן א דאך!"

איז לאָמיר חברים, שוין נעמען וואס געכער,
דעם האק מיט דעם האמער אין אונדזערע הענט.
און קלאפן וואס שטארקער, און הויבן וואס העכער,
הויבן און הויבן וואס העכער די ווענט!

מיין לאנד

אונטער דיינע הימלען בלאיע-ריינע,
ליגן בערג און טאלן אויסגעשפרייט,
אונטער דיינע הימלען קלארע-שיינע,
האב איך דיינע פעלדער דא פארזייט.

מיין לאנד, מיין לאנד!
ווי גוט איז מיר בא דיר צו זיין
אין מזרח-שיין,
מיין יעדער טראט אויף הייליק ערד
איז פריי, געטריי,
דו ביסט מיין היים, מיין אידעאל,
מיין טרוים, מיין ליכט,
דו האסט באלויכטן מיר דעם וועג צו דיר,
ישראל!!

אונטער דיינע הימלען בלאיע-ריינע,
האב איך מיר א וויינגארטן פארפלאנצט,
אונטער דיינע הימלען קלארע-שיינע,
האבן פירות גאלדענע צעגלאנצט.

מיין לאנד, מיין לאנד!!

אונטער דיינע הימלען בלאיע-ריינע,
שפילן זיך וועלן אינ׳ם ים,
אונטער דיינע הימלען קלארע-שיינע,
זינג איך דיר א לידעלע מיט טעם.

מיין לאנד, מיין לאנד!!

רוסיש
(מעלאדי: קאווקאז)

שמידער

מיר זיינען שמידער, געטרייע ברידער,
דער האמער איז דאך אונדזער גייסט,
פליען פונקען, צינדן גלידער,
מיט בלוט און שווייס דער אימפעט רייסט.

נאך יעדן קלאפ פון אונדזער האמער,
ווערט ליכטיק אונדז, די זון גייט אויף,
און איבער וועלדער און איבער פעלדער
א פאלק א וואנדערער שטייט אויף.

מיר זיינען שמידער, מיר זינגען לידער,
יעדער קלאנג א שטראם מיט גליק,
קלאפט דער האמער שטארקער, ווידער,
אונדזער לאנד לעבט אויף צוריק.

ירושלים, די אלטע-נייע,
פון שטאל און אייזן אופגעשטעלט,
מיר זיינען שמידער-ברידער פרייע,
מיר שמידן שלום אויף דער וועלט.

רוסיש מעלאדי:

(מעלאדי: קוזנעצי)

הברנים מארש

מיר זיינען די בויער פון מארגן,
מיר בויען דאס לאנד פון דאס ניי.
מיר האבן נאך פיל צו באזארגן,
פון די שונאים מיר זיינען ניט פריי.

מיר דארפן די לאנד אונדזער היטן,
די הייליקע לאנד פון אמאל.
גענוג שוין, גענוג שוין געליטן,
קרבנות געווען אן א צאל.

אין די רייען קומט אלע אינאיינעם,
קעמפן פאר יידישע רעכט,
פאר א לעבן א נייעם, א שיינעם,
פאר באפרייאונג פון שקלאפן און קנעכט.
דעם שונא באזיגן מיר וועלן,
שארף איז גענוג אונדזער שווערד,
קיינער פון אונדז זאל ניט פעלן
צו באשיצן די הייליקע ערד.

א שבועה פון טויט און פון לעבן
האט אין אונדזערע הערצער דערוואכט ,
ישראל, דו ביסט אונדזער שטרעבן,
דו ביסט אונדזער היים, אונדזער פראכט.

(מעלאדי: ארוזשיעם נא סאלענצא
סווערקאיא)

דאס פרייהייטס ליד   צו יום העצמאות.

איבער ימען, איבער בערג,
אין דעם ווייטן מזרח,
שפראצט א בלום,
א גאלדענער טרוים,
א טרוים פון דורות
האט אויפגעוואקט.
מיט מאכט און זיג,
אהיים, אהיים צוריק
זינגט דער ייד,
דאס פרייהיטס ליד.

צוזאנג:

ברידער העכער, הויבט דעם בעכער,
טרינקט דעם גוטן וויין,
דעם גוטן כרמל וויין,
פריי פון שקלאפן זיין,
פריי, פריי, פריי, פריי,
פריי, פריי, פריי, פריי,
לאמיר אלע, אלע יידן אלע,
אלע, אלע, אין ציון זיין

פייערט יעדן יאר דער ייד,
דעם יום-טוב „יום העצמאות",
מיט שטאלץ און פרייד,
ער פלאנצט און ער זייט,
וואקסט די בלום אלץ פרעכטיקער, שענער,
אין אייגן לאנד, מיט דער פאן אין דער האנט.
זינגט דער ייד
דאס פרייהייטס ליד.

צוזאנג: ברידער, העכער הויבט דעם בעכער....

עס ווערט פארפאלגט נאך היינט דער ייד

אין די גלות לענדער,

ער לעבט אין שרעק,

גזירות אן אן עק,

פארשפארט ער ווארט,

ער האפט, ער גארט,

אהיים צוריק

זיין איינציקער גליק,

ער בענקט און זינגט,

דאס פרייהייטס ליד.

צוזאנג: ברידער, העכער הויבט דעם בעכער.

(מעלאדי: אי צוגאניע)

איך שפאציר

איך שפאציר אליין איבער דעם נגב,
אלץ ארום איז איינגעהילט אין פראכט,
הימל פילט מיט פרייד אן יעדע רגע,
גבורה הערשט אין מזרח׳דיקער נאכט.

ס׳וועקט אין הארצן טרוימען און פארלאנגען,
ווייטער וועג - ער ליגט פאר מיר צעשפרייט.
ווינטל גלעט די שפראצנדיקע זאנגען...
דורות לאנג א חלום האט געזייט.

רוט דער נגב - שעפט אין זיך די ברכות,
ס׳קושט באגין די אויגן מיינע אויס.
פויער קומט און רייסט די ערד מיט סאכעס,
ליד פון מי און שמע זינגט ער אויס.

הארציק זיט מיט האפן און מיט גלויבן,
הילכן אפ די קלאנגען פון זיין ליד.
לייכט מיין וועג א זונען שטראל פון אויבן,
גיין און גיין אלץ ווייטער, איך ווער ניט מיד.

בענקט מײַן הארץ אהין

אין דעם לאנד וווּ משה רבינו
האט די תורה אונדז געגעבן,
דארט ווו אלע יידן שטרעבן,
בענקט מיין הארץ אהין. (2 מאל)

אין דעם לאנד וווּ הערצער קוויקן
דארט ווו וואקסן שטעט, פאבריקן,
היימען, שולן, מיט שפיטאלן,
בענקט מיין הארץ אהין.

אין דעם לאנד וווּ וואקסן טײַטלען,
אויף די בוימעלעך זיי רייטלען,
באקסער, פייגן, פולע צווייגן,
בענקט מיין הארץ אהין.

אין קיבוצים מיט חלוצים,
מיט חלוצים אין קיבוצים,
זייען, פלאנצן, זינגען, טאנצן,
בענקט מיין הארץ אהין.

יידיש

(מעלאדי: וואס זשע קלינגט איר קירכן גלאקן)

גרויסער ים

גרויסער ים, איך זינג דיר לידער,
אונדזער׳ הילף ביסטו אליין,
פאר אלע וואנדערענדע ברידער,
פאר גאר דער וועלט פון גרויס ביז קליין.

דו ווייסט פון אלץ, דו דארפסט ניט פרעגן
וואס איז יעדערנס באגער,
פון נע-ונד צו ציונ׳ס ברעגן,
ברענגסטו זיי אלץ מער און מער.

דו שפריצסט מיט פייערדיקן כישוף,
שטראמסט מיט גבורה און מיט מאכט,
דיינע כוואליעס, גרויסער ים-סוף,
האבן אונדזער וועג געוואכט.

דו ארעמסט יעדערן באזונדער,
צו דיין ברוסט דו דריקסט זיי הייס,
און מ׳טוליעט זיך ווי קינדער,
אין דיין פרעכטיק מאמע-שויס.

רוסיש
(מעלאדי: סטענקא ראַזין)

שלאף מיין קינד

שלאף מיין קינד, מיין טאכטער שיינע,
שלאף זשע גיכער איין,
די לבנה קוקט, א ריינע,
אין דיין וויג אריין.

מעשה׳לעך וועל איך דיר זאגן,
זינגען אזוי צו.
הער נאר ווי די כוואליעס יאגן,
באינקו, באיו.

מארגן וועט די שיף אונדז ברענגען
ענדלעך צו א ברעג.
לייכטן וועט די זון אין מזרח,
אונדזער וואנדער-וועג.

אין פרימארגן וועט דיין מאמע
דיך באפוצן שיין,
אין דעם לאנד פון מילך און האניק
וועסט אין חדר גיין.

וואקסן וועסטו א חלוצה,
בויען דארט א דאך,
מיט חברים אין די רייען,
זיין וועסט אויף דער וואך.

שלאף מיין טאכטער, האב ניט מורא,
פריי ביסטו אצינד,
פאבבליבן איז אונדז די אלטע תורה,
שלאף מיין טייער קינד.

ווי לאנג

ווי לאנג וועסטו יידל, דעם גלות נאך שלעפן,
און פאלן צו לאסט ביי די שונאים אין לאנד?
צייט שוין אביסעלע גליק דיר צו שעפן,
און מאכן א סוף צו די ליידן און שאנד.

ווי לאנג נאך, ווי לאנג, וועסטו ליידן און שווייגן,
טראגן דעם נאמען: „דער וואנדערער ייד"?
אין אייגענעם לאנד אונטער בליענדע צווייגן,
רוען און קוויקן וועט דייך יעדער גליד.

איז גיי-זשע שוין יידעלע, גיי-זשע שוין געכער,
די שטעכיקע דערנער ראם אפ פון דיין וועג,
פול, איבערפול, איז מיט טרערן דיין בעכער,
עס שומט און ס'פליסט איבער, איבער דעם ברעג.

הויב אויף דיין קאפ הויך מיט מוטיקן שטרעבן,
דיין חלום, דער אלטער האט לאנג שוין ערוואכט,
אין אייגענעם לאנד, גיי דארט בויען דיין לעבן,
עקשנות'דיק קעמפן, מיט גבורה, מיט מאכט.

דו וועסט דא געפינען א וועלט גאר א פרייע,
די הארפע פון בבל איז דא שוין צוריק.
ס'שפילן די סטרונעס פיל לידעלעך נייע,
זיי פילן אן הערצער מיט פרייד און מיט גליק.

(מעלאדי: ווי לאנג וועסטו יידל)

לידעלעך אין ירושלים

איף די פעלדער ברייטע,
ווי טעפּיכער צעשפּרייטע,
מיט בלימעלעך פארזייטע,
פלאמענדיקע-רייטע,
פרייען זיך חלוצים,
מאכן זיי לחיים,
זינגען נייע לידעלעך
אין ירושלים!

אויף גרעניצן באפעסטע,
מיט ביקסן און גראנאטן,
מיט אנשטרענגונג די גרעסטע
וואכן די סאלדאטן.
מוטיקע און שטאלצע
מאכן זיי לחיים,
זינגען נייע לידעלעך
אין ירושלים!

אין דעם בית-המדרש,
אין דעם רבנ׳ס שולע,
דערציילן די תלמידים׳לעך
פון ציון די גאולה.
פרייען זיך חסידים׳לעך
מאכן זיי לחיים,
זינגען נייע לידעלעך
אין ירושלים!

(מעלאדי: קאק צוועטאק דושיסטי.)

איבער וועלדער, פעלדער.

איבער וועלדער, פעלדער,
איבער וועלדער גרינע,
האט געאקערט א חלוצה
מיט דעם נאמען דינע.

געאקערט און געאקערט
אין די טעג די הייסע,
איז געקומען צו איר מאטל
מיט צוויי אויגן גרויסע.

הערצו שיינע דינע,
וואס איך וועל דיר זאגן:
קום שפאצירן אין דעם וועלדל
ביז וועט נעמען טאגן.

ניין-ניין-ניין-ניין מאטל,
מאטל אויפן זאטל,
כ׳קען די ארבעט נים פארלאזן,
א ווינטל הויבט אן בלאזן.

זאל דער ווינטל בלאזן,
זאל א רעגן גיסן,
קום מיט מיר, כ׳האב פאר דיר
בלומען אנגעריסן.

ניין-ניין-ניין-ניין מאטל,
איך דארף נאך זייען ריבן,
די מאמע האט אנגעזאגט,
חלוצים נים ליבן.

זע נאר, זע נאר דינע,
א רעגן הויבט אן גיסן,
קום-זשע באלד אינ׳ם וואלד,
די מאמע וועט ניט וויסן.

האט דער גרויסער רעגן
זיי אין וואלד פארטריבן,
און אזוי איז ביי זיי
א סאד ביז היינט פארבליבן.

(מעלאדי: שטָיא זַא הַאים הַאים)

אוקריין

איך ישראל תפיסה (אייכמאן)

אין ישראל אין א תפיסה
זיצט א מערדער דארט פארשפארט,
אויף דעם משפט דעם גערעכטן
זיצט דער מערדער דארט אוןווארט.

עס וועט דער משפט אים ניט שיינען,
ניט לייכטן וועט אים מער די שיין,
פאר דעם בלוט פון מיליאנען קדושים
וועט ער אויך א קרבן זיין.

עס וועלן עדות זאגן מתים
באדעקט מיט פיין פון שווערער ערד,
אין די קיטלען און טלתים
מיט שמע ישראל אויפן שווערד.

פון דעם גאז און פון די אויוונס,
וועט דערשטיקן אים דער רויך,
גרויע וואלקנס אין די הימלען
עדות זאגן וועלן אויך.

עס וועט דער זייף פון יידיש ביינער
זיין שולד ניט אפוואשן אויף ריין.
די נשמה׳לאך פון קינדער
און פון מאמעס דאס געוויין.

דער באבעס וואונטש

גיי מיין קינד מיט שטאלץ צו דער תורה,
זינג אויס די ברכות מיט דעם געהעריק ליד,
פאר די שונאים האב ניט מורא,
זאג זיי, אז דו ביסט א ייד.

דערציייל זיי אז עס וואקסט א דור,
א יונגער דור, א שפאגל-נייער,
און פאר דעם מינדסטן יידיש האר
וועלן זיי באצאלן טייער.

דו זאלסט זיך גאר פאר זיי ניט שעמען,
מיט איין יידיש שטאלץ געמיט,
זאלסטו ראכע פון זיי נעמען,
אויף יעדן טראט, אויף יעדן שריט.

פארגעס-זשע ניט דער באבעס ווערטער,
דיין וועג פאר דיר איז לאנג און ברייט,
די מארטירער ברידער, שוועסטער,
ניט פארלאזן זאלסט איך נויט.

צורייסן זאלסטו דאס שטעכיק דראט
וואס האלט זיי אונטער שטרענגער וואך,
און אין אייגן לאנד, מיט הילף פון גאט,
בויען זאלסטו פאר זיי א דאך.

אין אייגן לאנד, דו הערסט מיין קינד?
ווי א העלד זאלסט אימער קעמפן.
אהין, אצינד, בלאזט דער ווינט,
גיי, און גאט וועט דיר העלפן.

די שער

שטייען טישן אויסגעשטעלט
מיט ווייסן אויסגעשפרייט,
משקה האט דארט ניט געפעלט,
פון אלדאס גוטס געגרייט,
מחותנים פרייען זיך,
אין א רעדל דרייען זיך
חתן-כלה זיצן אויבן אן.

רוימט ער איר א סאד ארייך,
ציפיניו, מיין קרוין,
א קעניגן ביי מיר וועסט זיין
ווי ליב ביסטו און שיין
אין דיין שיינעם חופה קלייד,
פילסטו אן מיין הארץ מיט פרייד,
אין דיינע אויגן שפילט די גאנצע וועלט.

מיר וועלן שווימען, ציפיניו,
איבער ימען ווייט,
דארטן וואו די זון גייט אויף
אין דעם מזרח זייט.
א פאלאץ וועל איך בויען דיר,
שאף און רינדער אן א שיעור,
פאשן וועלן זיך אויף הייליק ערד.

יאסעלע, מיין טייערער,
עס ציט מיך שטארק אהין
וואו צעדערן צעוואקסן זיך,
די פעלדער זיינען גרין.
פלאנצן, זייען מיט געזאנג,
ודעלן מיר דארטן יעדן זאנג.
לעבן זאל ישראל, אונדזער לאנד.

שפּילט-זשע אויס, קלעזמארימלעך,
א זיי-געזונט צו זיי,
גיט א צי דאס פידעלע,
דעם סמיטשיקל א דריי,
לחיים צו דיר יאסעלע,
לחיים צו דיר ציפּיניו,
פּארט געזונט, מיט מזל און מיט גליק.
מזל טוב.

א בחור א העלד

געקומען אין ישראל איז א בחור א העלד,
א בחור א העלד, איז ער שוין איין מאל א העלד, טרא-לא-לא-לא -

געקראגן האט ער א פלאש דעם גוטן כרמל ווייך,
לחיים אלע יידן, א פאלק זאלן מיר זיין! טרא-לא-לא-לא-

פריילעך איז דער בחור, טומלדיק אין גאס,
דער עולם באוואונדערט זיינע טענץ, זיינע שפּאס, טרא-לא-לא-לא-

א וואונק מיט איין אויג, חנ'עוודיק שיין,
ער כאפּט ארום א מיידעלע, א טענצל מיט איר גיין. טרא-לא-לא-לא.

פארייטלט זיך דאס מיידעלע, פארייטלט זיך פארשעמט,
זי רייסט זיך ארויס פון די העלדישע הענט. טרא-לא-לא-לא-

בייז ווערט איר מאמע, זי גיט זיך א ווארף,
לאז אפּ מיין טאכטער, דו שיכור-אויסוווארף. טרא-לא-לא-לא-

שטאלץ איז דער בחור, איר אנטקעגן געשטעלט:
ווילסטו ניט, דארף מען ניט,
ס'איז דא נאך אויף דער וועלט. טרא-לא-לא-לא-

ניכטער איז דער בחור, ארבעט אין פאבריק,
די מיידעלע זוכט איר פארלוירענעם גליק. טרא-לא-לא-לא-

געדאנקען

געדאנקען, ווי פליגן, בייסן און זיומען,
לאזן ניט שלאפן די נאכט,
פליען אוועק און אנדערע קומען,
כ׳ליג אומבאקוועם און איך טראכט.

אזוי ווי די כוואליעס אין ברויזענדן ים
אויף דער פרייהייט ווערן צוטראגן,
אויך אין מיין מח ברענט ווי א פלאם
געדאנקען מאכן מיר דול און דערשלאגן.

איך גיי צו צום פענצטער, כ׳ליג אויפן דיל,
כ׳געפין פאר זיך ממש קיין ארט,
ס׳עגבערט אין מח און באלד איך דערפיל,
ווי ס׳קומען אן שיפן צום פארט.

הימלאזע, אומגליקלעכע גייען אראפ,
א לעבן א נייעם צו בויען,
לייג איך צו צום קישן מיין קאפ,
און הויב אן איינשלאפן, רוען.

מיין היילי‌קער טרוים

די נאכט איז מילד, רואיק, און שטיל,
שפיגלט אין גאלדענעם ים,
די ליכטיקע שטערן מיט טייוועלשן שפיל
פינקלען אין ראזיגן פלאם.

איך בין אין הימל מיט מיריאדן שטערן,
צאפלדיק ריין ווי קרישטאל,
ווארף איך די שיין פון גאלדענע רערן,
איבער ימ׳ען, בארג און טאל.

איך שיין און לייכט דורך נאכטיקע שטונדן
יעדן שפריץ פון דעם שיף אויף איר וועג,
אין די פארטאגן ווער איך פארשוואונדן,
ביז קומט אן די שיף צו א ברעג.

דאן, פְלי איך אראפ אין מיין אייגענעם לאנד,
שטיין אויף די פיס קען איך קוים,
איך שפאן איבער גאסן שטיינער און זאמד,
איך שפאן אין מיין היילי‌קער טרוים...

רבקה׳לע

וואס אנטלויפסטו, רבקה׳לע,
וואס דארפסטו אזוי יאגן,
ווארט נאר אויס, הער מיך אויס
וואס איך וועל דיר זאגן:
וואס?

איך וועל דיר קייפן בראשקעלעך,
פערעלעך די בעסטע,
באצירן וועל איך דיך מיט גאלד,
וועסט זיין בא מיר די שענסטע.

איך וויל ניט!

איך צעאטער היינט ביינאכט
וועלן מיר פארברענגען,
ניסעלעך מיט שאקאלאד
וועל איך פאר דיר ברענגען.

איך וויל ניט!

און אויב דו ווילסט, די ניסעלעך
וועל איך דיר צעקנאקן,
און דערצו געבן א קוש
אין דיינע בײדע באקן.

איך וויל ניט!

איך וועל מיט דיר, רבקה׳לע,
אין עראפלאנען רייזן,
און די גאנצע שיינע וועלט
וועל איך דיר באווייזן.

אוקריייניש מעלאדי:
קודא ידעש מי מילי

איך וויל ניט!

פארבלייבן וועל איך מיט דיר
אין אונדזער לאנד דעם נייעם,
בויען וועל איך פאר דיר א היים
אין ירושלים!

דאס וויל איך!

מיר זיינען חלוצים

מיר זיינען חלוצים, די שניטער אין פעלד.
מיר שניידן און קלייבן די זאנגען,
און יעדער פון אונדז איז א בויער, א העלד,
מיט פליכטן און הייסע פארלאנגען.

מיר בויען דאס לאנד און מיר מאכן עס גרייט,
פאר אלע, וואס שטרעבן און האפן.
פאר אלע, וואס זיינען אין וואנדער צעזייט,
מיר האלטן די טירן אפן.

עס וועלן דערציילן א דור נאך א דור
א חלום א שיינעם – א וואונדער,
ווי ס'האבן חלוצים א יאר נאך א יאר
געפלאנצט יעדן בוימעלע באזונדער.

איז לאמיר חברים מיט ליב און געזאנג
די פעלדער מיט סנאפעס צעבינדן.
די זון אין פרימארגן וועט ווידער מיט קלאנג
דעם מזרח אין פלאמען צעצינדן.

מעלאדי: קאקדא יא נא פאטשטע
סלוזשיל יאם שטיקאם

דאס אייביקע ליד

גע'חלומט, געשמאכט אין וואנדער דער ייד,
געברויזט אין זיין הארצן דאס אייביקע ליד,
דאס ליד, די התקוה, אין אים האט געוואכט,
אין לאנד, אין געוואונטשן געבראכט.

בויעט ער, דער ייד און ער פלאנצט און ער זייט,
צעגרינט האבן פעלדער, צעבליט האט די בייט,
צעוואקסן די דערפער, די שטיינערנע ווענט,
מיט מאזאליעס באוואקסן די הענט.

דעם מדבר פארוואנדלט אין דערפער, אין שטעט,
פון חלום, פון אלטן, דעם קיום ער זעט,
די אלטע נביאות פון צוויי טויזנט יאר,
דעם קיום ער זעט אויפן וואר.

הויך האט צעפלאטערט די בלוי-ווייסע פאן,
אין לענדער, אין ווייטע, זי שוועבט אויבן-אן,
מיט שטאלץ און מיט פרייד טראגט אין הארצן דער ייד,
די התקוה, דאס אייביקע ליד.

מײַן שײנער חלום

ברענט א פּײערל אין דרױסן,
פליען פונקען אין דער לופט,
א מלאך אנגעטאן אין װײסן,
הער איך װי ער פליט און רופט.

ער קומט צו מיר און שטעלט זיך נעבן
מיט זײנע פליגלען מיך באריִרט,
ער האט מיך פלינק א הױב געגעבן,
פון ארט מיר האבן זיך גערירט.

מיר פליען איבערן בלויען הימל,
אונטן בלויז איז זאמד, און זאמד,
מיט א שמײכל אין מײַן דרימל,
דערזען האב איך מײַן צויבער לאנד.

פעלדער גרינע, בלומען רײַטע,
באגאסן מיט דעם מזרח שײַן,
הײסע קוילעטשן, געדרײטע,
פליען גלײַך אין מויל ארײַן.

פון די בערג, מילך מיט האניק,
זידן, פליסן, אן א שיעור,
לויטער איז דער הימל, זוניק,
איך זינג צו גאט א תפילה-שיר.

(מעלאדי: מאי קאסטיאר)

צו פּערזאָנען

הונדערט יאר מאניטאבא

צו דיר „מאניטאבא", א לויב מיר זינגען,
א מתנה, וואס בעסער פון זילבער זאל קלינגען,
בעסער פון בלומען וואס ווערן פארשמאכט,
אפילו פון דעם, וואס פון גאלד ווערט געמאכט.

× × × × × × ×

דאס לויב וואס דורך יארן האבן פעלקער געזונגען,
מיט פרעכטיקע טענער א תפילה-געזאנג,
א הארציקע תפילה מיט ליבשאפט באשאפן,
צו דיר, „מאניטאבא" מיט שטארקן געדראנג.

× × × × × ×

ווען ערגעץ האט געשטורעמט א בלוטיקע שווערד,
אומשולדיקע לעבנס פארשניטן,
האט דא, שלוה גערוט אויף דיין ערד
קיין איינציקע גליד האט געליטן.

× × × × ×

עס קומען צו דיר דערשלאגענע, טריבע
פארשקלאפטע פון לאגערן קנעכט,
אונטער דיינע פליגלען, מאניטאבא ליבע,
גיסטו זיי פרייהייט און רעכט.

× × × × × ×

אין דעם הונדערטן יאר פון דיין עקזיסטענץ,
קומען אלע דיך באגריסן,
זאלן קומענדע דורות אויך זיין געבענטשט,
דעם רייץ פון דיין גייסט צו געניסן!

צו עז קארעז, גאלדן עלטער גרופּ

איך אונדזער רייכער יידיש שפּראך
געפין איך ניט ווערטער פיל,
זאלן זיין ניט צו שוואך
אויסדריקן אייך אונדזער געפיל.

געפינען ווערטער כ'וויל אזיינע
הארציקע און ווייכע,
ווי א קלאנג מיט וואסער ריינע
איך די בערג די הויכע.

זאלן שטראמען, זידן, פליסן
מיט ווארעמקייט צו אייך,
זאלן געבן אייך צו וויסן -
ווי מיר אלע שעצן אייך.

פאר אייער הערלעכער באציונג
צום מענטשלעכן פארלאנג,
פאר דערמוטיקן די שטימונג
מיט קאליר און ליב געזאנג.

<u>טריבוט צו מרס. ראז ספיוואק</u>

א מלאך מוז ניט האבן פליגלען
ווייסע, זאלן זיין צושפרייט.
„ער" מוז ניט פליען אין די הימלען
אין דער לענג און אין דער ברייט.

א מלאך קען אויך אויף דער ערד זיין
מיט א ווייכער, גוטער הארץ,
וואס הערט זיך צו צום צווייטנס פיין
און לינדער דעם עלנטן זיין שמארץ.

א מלאך איז דער מענטש וואס טוט
מיט א ריינעם גוטן ווילן,
וואס באזיצט אין זיך פיל מוט
מעשים טובים צו דערפילן.

אין „גאלדן-קלוב" סיי אין „מושב זקנים"
איז פאר ראוז ספיוואק גאר ניט ווייט,
צו פארוויילן יעדן איינעם
געפינט זי תמיד פאר זיי צייט.

איז לאמיר אלע מיט גלעזער וויין
ווינטשן איר און בענטשן, –
נאך פיל יארן טעטיק זיין
פאר דעם וואויל-זיין פון עלטערע מענטשן!!

צו עלסי

ווען די פעדער אין מיין האנט
הויבט אן טאנצן, פירן,
עפן איך אין וואונדער־לאנד
ברייט פאר די טירן.

דארט וואו אלעס לעבט און בליט,
וווּ אלעס פרייט זיך, אלעס לאכט,
וווּ די זון פון אויבן גליט
און אלעס שטראלט אין פולער פראכט.

דארט, וווּ טעמפלען לויכטן, פינקלען
מיט זילבער־שטראלענדיקן שיין,
אהין אויף מיינע וואנדער־פליגלען
ברענג איך דיך אריין.

מיט דימענטן, סאפירן,
באצירט האב איך דיין קרוין,
און העל־באלויכטע שאנדאלירן
שפיגלט אפ דיין חן.

פרינצן, לארדן דיך באגריסן,
העפליך דריקן דיר דיין האנט,
דו ביסט דעם טרוימערס נאטור־פרינצעסן
אין דעם צויבער וואונדער־לאנד!!

<u>פריינד מיינער</u> (צום סאוועטישן ייד)

פריינד מיינער, ברודער, ווער זאלסט ניט זיין,

פאל דו ביי״ זיך ניט אראפ!
ווי גרויס זאלן ניט זיין דיינע ליידן און פיין,
הויך זאלסטו האלטן דיין קאפ!

כאטש די ערד איז באוואשן מיט אומשולדיק בלוט,
און זי פליסט אן אן שיעור, אן א ברעג,
כאטש דערשטיקט איז אין דיר דאס געמיטלעכע מוט,
און דו זעסט ניט פאר זיך מער דעם וועג,

גלויב, וועט אנשטיין א צייט און דערשלאגן וועט זיין
דער מערדער, די בלוט-דארשטיקע מאכט,
ארויס וועט די זון מיט איר גלאנץ און שיין
וועט באלייכטן די פינצטערע נאכט.

און ניט זיין אויף דער וועלט וועט קיין האס און קיין טרערן,
קיין שקלאף און קיין אייזערנע קייטן,
ליבע, צוריק וועט זיך ווידער אומקערן,
אויף דער ערד וועט זי ליכטיקייט שפרייטן.

אה, מיין פריינד! ניט קיין פוסטע חלומות כ׳קום צו דיר וועבן,סXא
ס׳איז ניט גאר א פאלשער קלאנג,
נאר קומען וועט עס מיט גרויסקייט אין לעבן
מיט ווירדע, מיט לויב און געזאנג!

אהיים פון שלאכט פעלד

דו זעסט, מיין מאן, די פראכטפולע בלומען
אויף מיין יום-טוב׳דיקען קלייד?
דאס איז א צייכן פון דיין קומען,
פון מיין אומגעהייער פרייד.

זיי וועלן דיר פון אלץ דערציילן,
פון די יארן וואס אן דיר,
מיט זיי, פלעג איך מיין בענקשאפט טיילן,
פארגיסן טרערן אן א שיעור.

זיי וועלן אויך דיר עדות זאגן,
אז פון זינד בין איך פריי.
ווי די זון ביים אנהויבן טאגן,
פארבליבן בין איך דיר געטריי.

אצינד מיט דיין צוריק אומקערן,
פארבלייבן וועסטו מיט מיר אויף לאנג.
און דאס פארזייטע דורך די טרערן,
מיר וועלן שניידן מיט געזאנג.

די טענער וועלן זיך צופליען
איבער די הערצער פול מיט פרייד,
ווי די בלומען וואס היינט בליען
אויף מיין יום-טוב׳דיקן קלייד.

צו עריק סווירסקי

א טרייסט ווארט (צום סאוועטישן ייד)

ביסטו אנטוישט אין שווערן לעבן,
דריקט א שטיין דיין צעווייטיקט הארץ,
הער ניט אוף צו האפן, שטרעבן,
און געהיילט וועט זיין דיין שמארץ.

גענפינסטו ניט א רואיק ארט
און אין פאלשן וועלט ביסטו מיד,
זוכן זאלסטו א טרייסט-ווארט
אין די שורות פון מיין ליד.

האבן דיך פארשטויסן מענטשן,
ווילן זיי דיך ניט פארשטיין,
האף צו גאט, ער וועט דיך בענטשן,
אראפ וועט פון דיין הארץ דער שטיין.

„ער" וועט דיר געבן מוט צו שטרעבן,
צו באהערשן גליק און פרייד,
אין דיין פארצווייפלט שווערן לעבן
וועסט ניט וויסן מער פון לייד.

דער הימל אין ישראל

צו ברכה קאפשטיין

קרעלן, דימענטן און פערל
זאבן אין דיין ליד געקלונגען.
געצייגן האסט זיי אויף א שנירל
ווען דעם "הימל אין ישראל" האסט באזונגען.

ליכטיק-בלוי האסט אים געמאלן,
געדעדט האט ער בא דיר, געלאכט,
ווען אויף די הויכע בערג און טאלן
האט די מוזע אין דיר געוואכט.

ווי קען ער טרויעריק דארט זיין,
ווי קען ער גארניט קווענלן,
ווען ער גיסט זיין קלארן שיין,
אויף די שפּילעוודיקע וועלן!

ווען ס'קלינגט דיין פּרעכטיק ליד
איבעראל ווו וואקסט און גרינט,
ווו דער וואנדערענדער ייד
דארט, בא אים, זיין טרוים געפינט!!

ווען אויסגעצירט ס'לאנד מיט פרייהייטס פאנען,
און באוואקסן איז מיט וועלדער יונג און פריש,
ווען באלייכטעט איז דער הימל מיט צען זונען,
און יעדן איז דאס לעבן ליב און זיס!

צו א דיכטער

פארגעס אין דעם כאַאָס פון בלוטיקע טעג,
אין דעם גלות וואס שלעפן ביסט מיד,
די שטעכיקע דערנער ראם-אפּ פון דיין וועג
וואס שטעכן און שניידן דיין ליד!

הער זיך נאר צו, צום שפראך פון די זאנגען
און די ווינטן וואס ארום זיי יאגן,
צי דען ניט צו דיר מעלאדישע קלאנגען
פון טייכן און וועלדער זיך טראגן?

דעק אויף דעם שלייער און זע ווי דערוואכט
האט אין פרילינג די דופטיקע בלום,
ווי פייגל-טרעלן מיט ליבלעכע פראכט
קלינגען ארום און ארום.

צעבלאז-זשע, אה דיכטער, דעם פונק וואס פארבליבן,
דעם הייליקן פונק, מיט דיין דיכטערשן מויל,
און גרינג וועט דיר זיין צו שאפן און ליבן
אין דעם וועלט פון שוידער און גרויל!...

צום דיכטער׳ס 70טן געבוירן-טאג

אין דעם פייערונג פון דיין געבוירן-טאג, –
זאג מיר דיכטער, איך בעט דיך, זאג!
ביסטו אלט שוין, זייער מיד
זינגען נאך דיין הארציק ליד,
דולדן, דולדן אויף דער ערד
דאס פארניכטונג פון דעם שווערד,
צוהערן דעם קרעכץ און פיין
פון דעם מענטשנס עלנד זיין?
זעסטו איין פאר זיך דעם גליק
גערן גיין שוין אויף צוריק,
די זיסע קלאנגען צו דערשטיקן
קיינעמ׳ס הארץ שוין מער ניט קוויקן?
אדער ווייזט זיך דיר גאר אויס
אז ערשט פון וויגעלע קריכסט ארויס,
אז דו ביסט ווי ערשט געבוירן,
בלויז איין יאר איז דיר געווארן,
אז דו שפילסט זיך מיט דער פען
מיט דעם גאנצן קינדערש-ברען,
אז דו האסט, ווי ערשט פון נעכטן,
אנגעפאנגען לידער פלעכטן,
אז עס ציט דיך אן א ברעג
שפאנען אויף דיין לעבנ׳ס וועג,
און דו ווערסט גאר קיין מאל מיד
זינגען, זינגען דאס אייביק ליד?!

צו א זיבעציק

מיט געטליכער גרויסקייט פאר אונדז האסט ערוואכט,
אונדזערע הערצער געקוויקט
ווי א מוטער איר קינד אין מזרח׳דיקער נאכט,
האסטו מיט דיין ליד אונדז געוויגט.

גערויגט און געטראגן אונדז ווייט אין הימל
האבן הארציקע לירישע טענער,
ווי בלומען קראנצן אין א צויבער-דרימל,
האסט געפלאכטן אלץ פרעכטיקער, שענער.

מיט זיי האסט באצויבערט יעטוועדערנס געמיט,
געריכט האבן זיי מיך ביז טרערן.
מיר דאכט, כ׳האב יעדן קלאנג דיינס פארהיט,
נאך לאנג כ׳זאל קענען זיי הערן.

א געווינס פאר דער וועלט, א שטאלץ פארן פאלק,
ביסטו אונדזער ליבלינג-סטיר,
מיר ווינטשן דיר גליק, אין לעבן דערפאלג,
מיר בוקן זיך אלע פאר דיר!

סוניט 16טן

זאג מיר, מארטע:
ווי האסטו געקענט דעם הימל דערגרייכן
צו שעפן פון קוואל דעם הימלשן חן?
וואו האסטו גענומען אזא לייטער א הויכן,
צו קריכן אלץ העכער, אלץ העכער צו גיין?

צי האט דיר א מלאך אנקעגן געקומען
און מיט דעם צויבער פון הימל געבראכט,
צי אפשר אויף די פליגלען אויף זיינע גענומען
און דיך איינגעהילט אין הימלשן פראכט?

זאג מיר, מארטע:
וואו ליגט דער סוד פון דעם כישוף פארבארגן
וואס האט דיך פארוואנדלט אין א פרעכטיק בלום,
וועלכע,די זון באגריסט אין פרימארגן,
וועלכע, דער טרוימער באזינגט אין זיין טרוים?!

די מאָדערנע כלה

טײַערע כלה, שײנע כלה,
ווײסטו ווער כ׳בין?
כ׳בין דער בדחן פון אמאָל,
באַזונגען כלה׳ס אַן אַ צאָל.
פאַרגאָסן טרערן אָן אַ שיעור,
האָבן כלה׳ס אינם יום-הדין,
געבעטן דעם, וואָס לעבט עוויג
צו באַשײנען זײער זיווּג.
הײַנט זע איך ניט אין דײַנע אויגן
קײן אײנציק טרער,
זאָל זיך לײגן
אויף דײַן געמיט שווער.
אפשר גאָר ביסטו גערעכט:
ביסט שוין ניט מער בײַ דײַן מאַן אַ קנעכט,
דו קענסט אַלײן,
דײַן וועלטל באַשטײן,
אָן קלאָג, אָן געוויין.
צו וואָס דעם אַלט-מאָדישן בדחן הערן,
גיסן און גיסן אומזיסטע טרערן.
ס׳וועט אונטער דער חופה
דײַן באַשערטער,
דיר אָנטאָן ס׳רינגל
מיט אַ געלעכטער.
דײַן מאַמע אין גן-עדן,
וועט זיך מיען
פאַר אײַך בײדן,
און איר, אויף אײַער האָנימון,
ווו בראָטן וועט אײַך
די האַוואַי זון,
וועט אײַך זײַן וווּל און שײן,
ווי איר ווינטשט זיך אַלײן,
ונאמר אמן!!

צו א נײַ געבוירן קינד

ליבעס קינד, – דו האסט מיט דײַן קומען
אנגעפילט די טעג מיט פרײדן,
פריש צעבליטע קראנצן בלומען
דײַן וויגעלע באקליידן.

צערטלט דיך די זון אין הימל
מיט גאלד באלויכטע שטראלן,
פילן אן מיט לוסט דײַן דרימל
צויבער פייגל טרעלן.

וועסט וואקסן קינד, די וועלט באגרייפן
איר גרויסקייט, מיט דערפאלג.
נוצן גייסטיקע וועסט ברענגען
צו דער מענטשהייט, צו דײַן פאלק!

ווינטשן מיר מיט גלעזער ווײַן
אלע דא צוזאמען:
אימער ליכטיק זאל דיר זײַן,
נחת טאטע-מאמען!

צו א קינד

קליינע קאראפוזע
פון נאטור געוועבט,
שעפערישע מוזע
וואכט אין דיר און לעבט.

נאקעט ביסטו, בארוועס,
קליידער איז דיר פרעמד,
שטעקן דיקע פאלקעלעך
פון דעם בלויזן העמד.

די לבנה איז דיין שוועסטער,
די שטערן דיינע ברידערלעך,
דורך די כישוף-פענצטער
זינגען זיי דיר לידעלעך.

הויבסטו דיינע הענטעלעך,
ווען צו זיי דו טאנצסט,
נאטור, — אירע פלעכטעלעך,
אין דיין נשמה פלאנצט.

הויבן זיי דיך, דרייען זיי דיך,
ווי דער ווינט אין פעלד,
ווי א מעשה'לע א דיכטערשע,
מיט א ריטער-העלד.

(צו ל...)

איך האב איר סמייכל פארלוירן,
כ'זוך עס און קען ניט געפינען,
ניט אין מיין וועבונג דעם קלארן,
ניט אין פאנטאסטישן ספינען.

דאכט זיך, איך כאפ עס אט-אט,
ווען פארחלומ'ט כ'שליס די אויגן,
און פלוצלונג, אה מיין גאט,
שפורלאז ווערט עס פארפלויגן ...

רייצט מיך און פייניקט דער בענקען,
איך שטילן צער קוק איך אהין, -
ווו דער היינט און דער נעכטן פארזינקען
אן לעבן ... אן גלויבן ... אן זין....

צי געדענקסטו מיין קינד?

געווידמעט מרס. סאניע יודאוו

צי געדענקסטו מיין קינד
ווי מיט יארן צוריק
ביסט פארפלייגן פון מיר
ווי איך חלום מיין גליק?

דו האסט מיך געדענקט,
נאר די באבע געמאנט,
נאך דיר כ'האב געבענקט
תמיד דיך נאר דערמאנט.

אצינד בין איך אלט,-
דא איינזאם אליין,
פאר מיר דיין געשטאלט
שוועבט ארום מלא-חן,
די אייגעלעך דיינע ווי פערעלעך צוויי
ווי דימענטן שיינען זיי.

ווי וואלט איך יעצט
ווידער גליקלעך געשעצט
צו הערן דיין קול
ווי מיט יארן אמאל. -

ווען איך וועגל געפירט
דיך איך זוניקע טעג,
מיט טרערן באצירט,
האב איך, קינד מיינס, דיין וועג...

אצינד בין איך אלט, -
- - - - - - - - -

(געזונגען מיט דעם
ניוועדסערי" מעלאדי

ווו נעמט מען שוין טרערן?

(אויף זיין פריצייטיקן קבר - צו יודאף)

ווו נעמט מען שוין טרערן צו גיסן אלץ מער
דעם שמערצליכן ווייטיק איינצושטילן,
וואס האט זיך געלייגט אויפן הארצן שווער
און צעבראכן אויף אייביק די געפילן.

רבונו של עולם! דארף איך דיר זאגן
צו טאן מיט אונדז חסד און מילדערן דיין שטראף,
ווייסטו אליין ניט וויפיל הערצער ס׳נאגן
און צייט שוין צו מאכן צו די צרות א סוף?

צו וואס נאך א הארץ פון א מוטער צעריסן
פאריתומ׳ט איין עופעלע אין וויגנאך וואס ליגט
און ווי טאג אזוי נאכט, טוט זי טרערן פארגיסן
אויף דאס ליד וואס מיט טרויער ס׳וויגעלע וויגט?

צו וואס, אה צו וואס, האסט א שטורם צעטראגן
איבער דעם גארטן אזוי שרעקלעך און בייז,
און האט מיט זיך אויסגעריסן, פארטראגן
אזא יונג צעבליטע און צערטלעכע רויז!

יא גאטעניו, אמת! ביסט תמיד גערעכט,
דיין הייליקן ווילן מיר קענען ניט שטערן,
אבער דעם ווייטיק, דעם שמערצליכן ווייטיק,
אלץ מער צו פארגיסן, ווו נעמט מען שוין טרערן?

פערזענליכע לידער

קלאפּט דער זייגער

(צו מיין 75טן געבורטסטאג)

קלאפּט דער זייגער: טיק־טאק, טיק־טאק,
לויפט אוועק די צייט,
און די שיינע יוגנט יארן
פארבליבן זייגען ווייט.

קלאפּט און קלאפּט דער זייגער אויס
די רגע׳ס מיט די שטונדן
אין דעם שטומען אייביקייט
ווערן זיי פארשוואונדן.

קלאפּ ניט, זייגער, אייל ניט, כאפּ ניט,
זע, ווי איך ווער אלט,
און דער זייגער, טיק־טאק, טיק־טאק,
ס׳העלפט ניט שרייען – גוואלד!

צו מיין 78טן געבורטסטאג

אך דיר, מיין יוגנד, בין איך פארלארן,
דו פעלסט מיר אויס אויף יעדן טראט.
ווען דו זעסט וואס פון מיר איז געווארן,
עס העלפט ניט בעטן און טענהן צו גאט.

די גרויע עלטער איז צו מיר געקומען
און האט געמאכט פון מיר א טעל,
מיט הוצפה האט זי דיין פלאץ פארנומען,
און זאגט, אז זי האט מיט זיך א באפעל.

צו הערשן און טאן מיט מיר אלץ וואס זי וויל,
ממש יעדן טראט גייט זי מיר נאך.
זי פירט דורך מיט רוגזע איר טייוולישן שפיל,
איך הארצן א קלעם, אין די זייטן א שטאך.

עס פעלן ניט שונאים וואס שטעלן צו
פארניכטונג געווער דעם. רוצה דעם אלטן,
זיי שיסן און קנאלן, גיבן ניט רו,
ס'איז פון זיי ניט אויסצו האלטן.

איך בעט דיך יוגנט, זיי ניט פארלארן
שטעל זיך אנטקעגן ווי לאנג נאך באשערט,
שלאג צוריק מיט פאר'עקשנטן צארן,
ווייל אך דיר, האט מיין לעבן קיין ווערט.

צו מיין ניין און זיבעציקסטן געבוירן-טאג

אך דו יוגנט, פאלשע, ווילדע,
ווי גרייזאם דו האסט מיך גענארט,
מיט קאלירן צארטע, מילדע,
האסט פאנטאזיעס געפארבט.

מיט זיי האסטו מיין קאפ פארדרייט,
ביז צום הימל, ביז׳ן הויך,
כישוף מעשה׳לאך דערציילט,
וואס צובלאזן זיך ווי רויך.

האסט מיין בעסטע צייט בארויבט,
אלץ אפגעלייגט אויף שפעטער,
הארציק האב איך דיר געגלויבט,
צום סוף ביסטו מיין פארעטער.

דיינע אוצרות האסטו פארבארגן
פון מיר, ערגעץ ווייט,
האסט פארשטעלט דעם וועג צום מארגן
און פארזעען אויך דעם היינט.

ווי געמיין און ווי פארדארבן
האסט מיט תאווה מיך געברענט,
נאך ניט איינער וועט א קרבן
ארייננפאלן אין דיינע הענט...

אך דו יוגנט, זיסע, ליבע,
ווי גרייזאם דו האסט מיך גענארט,
אין די קאלטע טעג, מיינע, די טריבע,
ווי וואלט איך, דיך יעצט געגארט!

<u>זאל איך?</u> צו מיין 80טן געבוירן־טאג.

זאל איך יוגנט, דיך באזינגען,
צי זאל איך דיך באוויינען?
צי זאלן מעלאדיעס צעקלינגען
און דיך, מיט זיי באשיינען?
צי זאל איך נאך דיר שבעה זיצן
און איך טרויער זיך איינהילן?
צי זאל איך גאר זיך לוסטיק וויצן
און מיט זיי מיין אומעט שטילן?

צו מיין אכציקסטן געבורטסטאג

ווען איך פארטראכט זיך.

ווען איך פארטראכט זיך, און זע פאר די אויגן
די יארן פון לאנג, מיט יוגנט באגלייט,
ווערט דאן דער הימל מיט וואלקנס פארצויגן
מיט שווימענדע טרערן צעשפרייט.

צושמעלצן די וואלקנס זודיקע טרערן
און רינען אראפ מיט הימלשן קלאנג.
א שטים אין דער לופט לאזט זיך דאן הערן,
וואס וועקט אין מיר דעם טיפסטן פארלאנג.

דאן ווער איך דערטרונקען אין מעלאדישע ימען
פארזונקען אין טרוימען און לוסט.
דאך קענען די כוואליעס ניט לעשן די פלאמען,
די געטלעכע פלאמען, אין מיין גליענדן ברוסט.

די זומערדיקע טעג

די זומערדיקע טעג, די שיינע,
זיינען מער ניטא אזיינע,
גרויע וואלקנס ציען זיך אלץ מער,
דער הימל איז אין גרוי פארצויגן,
די פייגעלעך אוועקגעפלויגן,
ווי בענק איך נאך די שיינע זומער-טעג!

די פליסע טייכעלעך שוין הויבן אן צו פרירן,
פאריגלט זיינען אלע פענצטער, אלע טירן,
ווי בענק איך נאך די שיינע זומער-טעג!

דער פרילינג וועט צוריק נאך קומען,
אין גארטן וועלן בליען בלומען,
בלעטער, גראזן וועלן xxxx גרין נאך זיין,
פייגל-טרעלן וועלן קלינגען
פרילינג-לידער וועלן זינגען
די יוגנט וועט ניט קומען מער צוריק.

אי וועה, די יוגנט וועט זיך קיין מאל מער ניט קערן,
אומזיסטע טרוימען, אי, אומזיסטע גיסן טרערן,
ווי בענק איך נאך די שיינע יוגנט-טעג!

רוסיש מעלאדי:
אוטרא נאסטופאיעט

צום אנדענק פון מיין שוועסטער
ראשע מאסס.

מיט דעם געשאנק פון גרויסן גאט
האסטו די שיינע וועלט באזונגען,
פלוצלונג האט דעם זיסן קלאנג
גרויזאם, דער טויט פארשלונגען.

איך שטומען צער געקומען איז דער שיידן,
ס'איז אלץ אוועק, ס'איז אלץ פאריבער,
מיט וועמען שוועסטער, וועל איך אצינד ריידן,
דערמאנען די, וואס זיינען טייער אונדז און ליבער.

יוגנט-בילדער שוועבן פאר די אויגן
און וועקן דאס פארגאנגענע אלץ מער,
איך נעבעלדיקן עבר ווערן זיי פארפלויגן
און רינט אראפ פון אויג א בענקענדע טרער...

מיין שוועסטער א פליכטלינג

אין ווייטן סיביר, אין דעם קאלטן,
געפינט זיך א קבר לעם בוים,
אין אים ליגט מיין שוועסטער באהאלטן
פארטריבן פון איר אייגענער היים.

איר לעצטן אטעם געגעבן,
פון מאן און קינדער צעשיידט,
פארענדיגט האט זי דארט איר לעבן,
אין שרעקלעכע ליידן און נויט.

ניט געקענט האט זי איר גורל דעם שווערן
אריבערטראגן מיט מוט,
צוריק אהיים זיך אומקערן
פון נאצי פארטריבענעם רוט.

× × × × × × ×

<u>א מתנה</u> (צו מיין זונ׳ס געבוירן-טאג)

א מתנה פאר דיר,
אין הארצן ביי מיר,
האב איך אויסבאהאלטן,
מיט ליבעס געמיט,
האב איך עס געהיט,
ווי הייליג צו האלטן!
ווען טעג נאך אזיינע
ווי היינט זאלן קומען,
באצירטע מיט שיינע
פראכטפולע בלומען,
וועל איך די מתנה
דאן נעמען פון הארצן,
און אויף דיינע ליפן
ווי א דימענד
זאל גלאנצן!

צו מיין טייער קינד (אין דער ארמיי)

נעכטן ערשט דיין בריוו ערהאלטן
געלייענט אים מיט ליבע און פרייד,
ס'ציט זיך לאנג די צייט צוווארטן,
ביז איבערדייסן וועסט דעם אפשייד.

מיר ציילן די טעג און די מאנאטן
ווען זיגן זאל די וועלט,
אפלאזן זאל מען די סאלדאטן
איידער קומען וועט די קעלט.

האפענונג, געדולד אין מוט
האט אונדז די נאטור געשאנקען
צו ליידן ביז וועט ווערן גוט
ניט דארפן זאלן מיר מער בענקען.

דו וועסט מיין זון אהיים באלד קומען
בויען ס'לעבן פון ס'ניי,
ווי אין גארטן די בלומען
וועסטו ווידער פילן פריי.

פארענדיקן וועסטו דיין שולע,
דאס איז וואס מיר ווינטשן, שטרעבן.
נחת נאך פון דיר א פולע
וועלן מיר דערלעבן.

בלומען

צו מיין זון – א סאלדאט

די בלומען וואס דו האסט געבראכט
ווען אויף ראש השנה אהיים ביסטו געקומען
ווערן שוין פארוויאנעט, פארשמאכט,
דיזע שיינע, שמעקענדיקע בלומען.

כאטש זיי קוקן שוין אויס ווי צעדארטע
און שמעקן שוין ניט אזוי פריש,
דערמאנען זיי פון טעג די געגארטע,
ווען געזעסן ביסט מיט אונדז ארום טיש.

זיי וועלן נאך לאנג אזוי שטיין
ביז ברענגען וועסטו אנדערע, נייע,
וואס וועלן אויסזעען שיין,
און שמעקן אזוי פריש, א מחייה.

יעדעס בלעטל וואס האט גענומען צובליען
און צעוואקסן זיך צו דריי און צו פיר,
האט גענומען ביים הארצן ציען,
א בענקשאפט אהין צו דיר.

קום זשע אהיים, גיכער קום!
ווען דעם בריוו צו דיר ענדיק איך שרייבן,
לעבט נאך, איין איינציקע בלום,
זי קען מער אזוי ניט פארבלייבן...

צו מיין זונ׳ס 27סטן געבוירן-טאג

צוריק מיט זיבן און צוואנציק יאר
איז פארבליבן אין זכרון,
אזוי, ווי ניט פארלאפן גאר
פארביי אזוי פיל יארן.

אזוי ווי ניט פארפלויגן
א יאר נאך א יאר,
אזוי פריש פאר מיינע אויגן
זע איך אלעס קלאר.

מ׳קען דען יוגנט לייכט פארגעסן?
נאך זיך, זי לאזט איבער א פלעק,
איר פונק קען זיך קיין מאל אויסלעשן,
זכרונות נאר איך וועק...

אט זע איך דיך ווי ערשט געבוירן,
אט קענסטו גיין שוין אליין,
אט בר-מצווה ביסט געווארן
און דעם מפטיר זאגסטו שיין.

אט ביסטו שוין א סאלדאט,
מיר לעבן איבער שרעק,
אט האסטו חתונה געהאט,
און ביסט פון אונדז אוועק.

צו חתן-כלה (צו מיין זונ׳ס חתונה)

איבער דעם רוישיקן ים פון ברויזענדן לעבן
אפשווימען זייט איר ביידע גרייט,
מיט האף און מיט מוט, מיט אידעאלן צו שטרעבן
מיט בלומען אייערע וועגן צושפרייט.

אהין, צו די ווייטע פאנטאסטישע ברעגן
מיט די כוואליעס זיך אנשטריינגען, קעמפן,
מזל און גליק זאל אייך קומען אנקעגן
און גאט זאל אייך קינדערלעך העלפן!

גרינג זאל אייך זיין אויף דעם רייזענדן שיף
זיך טראגן תמיד אינאיינעם,
פון גלות ניט וויסן, איך וואנדער פארגעסן,
איך א וועלט א פרייען, א שיינעם!

<u>ווערטער</u> (צו לואיז)

איך וועל פון אומעט דיר ניט שרייבן,
פון בענקשאפט וועל איך ניט דערציילן,
איך וויל נאר ווערטער, ווערטער קלייבן
זיי זאלן קענען דיך פארוויילן.

ווערטער הארציקע פארכאפטע,
וואס שטראמען מיט געפילן,
ווערטער ליבליכע און צארטע
זאלסט מונטער פון זיי פילן.

<u>איך געדענק</u>

(צו מיין גאלדען-עניווערסערי.
געווידמעט מיין פרוי ציליע)

איך געדענק יענעם באל
אין דעם פרעכטיק-שיינעם זאל,
דעם וואלץ האט געשפילט די מוזיק.
און מירביידע געדרייט זיך אין טייוועלשן דריי,
פארשיכורט פון קלאנגען און גליק.

איך געדענק יעדן ריר,
פון דיין קלייד דעם קאליר,
די רייצנדע בלום בא דער זייט,
אויף די פליגלען אויף דיינע פארטראגן האסט מיך
אין וועלטן פארכישופטע, ווייט...

איך געדענק נאכן טאנץ
אין גארטן דעם בלומען קראנץ,
א שטערנדל האט נאך געברענט,
איך פרימארגן דער ווינטל געוויגט אונדז, געארעמט
אויסריידן אווארט ניט געקענט.

לייפן יארן פארביי, די יוגנט אויך מיט זיי,
זיי קומען שוין קיין מאל צוריק,
אין מיין קאפ נאך ס'דרייט יענער טייווילשער דריי,
עס קלינגט מיר נאך יענע מוזיק.

[illegible]

רוסיש מעלאדי:

ווען איך וואלט געוואוסט...

ווען איך וואלט געוואוסט וואלט איך ניט פארבלענדט
דעם יוגנט, די כוחות, דעם לעבן;
אימער איך מיר א פונק וואלט געברענט,
א פונק פון האפן און שטרעבן.

איך וואלט ניט געטריבן די יארן אומזיסט
אן רחמנות פאראורטיילט צו ווערן,
צו אויסגייך איך גרוי-פארגאנגענעם וויסט,
צו גיסן אומשולדיקע טרערן ...

איך וואלט מיין יוגנט מיט בלומען באצירט,
ווי פרילינג, מיט דארשטיקן גלוסט;
פארכישופט וואלט איך אירע טרוימען געשפירט,
ווען איך וואלט געוואוסט...ווען איך וואלט געוואוסט!...

<u>ווען איך דערמאן זיך</u>

ווען איך דערמאן זיך אין דער היים,
אין יענע פרילינג-טעג, פארנאכטן,
ווי געליבט כ'האב איך געהיים
די נאטור דאן צו באטראכטן.

ווען געשטורעמט האט דער וואלד,
מיט בייזע ווינטן, פול מיט צארן,
געבליצט, געדונערט, א געוואלד,
געטוליעט כ'האב זיך צו די קארן.

און ווען די זון איז ארויסגעקומען,
אן רחמנות האט געברענט,
האב איך אויך ווי אין פעלד די בלומען,
קיין ווארט אויסריידן ניט געקענט.

ווען איך וואלט געקענט:
צום האדסאן ריווער; אויף מיין רייזע צו ניו-יארק

ווען איך וואלט געקענט דיין הארץ פארשטיין,
פארשטיין דיינע לירישע קלאנגען,
וואס שלאגט אפ מיט ריטם אן ברעגיקן שטיין,
ווי די לופטיקע שפראך פון די זאנגען.

ווען איך וואלט געקענט איך די ארעמס אין מיינע
ווי דער ווינטל דיך גלעטן און וויגן,
און הינטער דעם בארג ערגעץ ווייט פון דער ערד
שלינגען דעם עכא פון ניגון.

ווען איך וואלט געקענט ווי נאטור מיט איר פינזל
מאלן דעם הימל מיט פארבן,
און איך פורפול פארגאנג מיט זינקענדע שטראלן
זינקען אין דיר און שטארבן.

ווען איך וואלט געקענט איך די וואסערן דיינע
אפשפיגלען זיך מיט די שטערן,
און איך גוסס׳ן טאנץ קרישטאלענע-ריינע
פארשווינדן ביז טאג און ניט ווערן.

ווען איך וואלט געקענט ווי דער פויגל ביים ברעג
זיין פון דיין קערפער א גליד,
און טראגן זיך פריי און צילן אין וועג,
פריי זאל זיך גיסן מיין ליד.

איך וויל זאל זיין פריילעך

איך וויל זאל זיין פריילעך מיט טענץ און געזאנג,
מיט ווילדן געלעכטער און וויץ,
די וועלט זאל פארהילן א טייוועלשער קלאנג
מיט טרומייטערס, מיט טריאומפישער היץ...

איך וויל זאל זיין פריילעך, די מענטשהייט זאל זיגן,
אויסשטריקן דעם שונא די האנט,
ווייט זאל זיך טראגן דאס פרייהייטס ניגון
מיט שניי-ווייסע פליגל איבערן לאנד.

איך וויל זאל זיין פריילעך. הימל און ערד
זאלן אייביקע טרייהייט שווערן,
פארניכטן דעם האס פון בלוטיקן שווערד,
דעם קומער פון מענטשלעכע טרערן.

ווען פרילינג קומט (פון מיינע עראינערונגען)

ווען פרילינג קומט ארײַן אין קראפט
און אין גרין פארהילט דעם בוים,
וועקט אין הארצן אויף א בענקשאפט
נאך דער אלטער, ווייטער היים.

לעבט אויף פאר מיר א יוגנט בילד
און עס ציט מיך ווייט אהין,
אין גרינעם פעלד, ווו צארט און מילד
ס'דופטעד לאנדיש און שאסמין.

אין כלה-שלייער איינגעהילט
דער גארטן אין פולן פראכט און גלאנץ,
זיין פרוכט צו געבן ער דערפילט
אין דעם צויבער פון פרילינג-טאנץ.

דאס שיפל לעבן וואסער-מיל
מעלאנכאליש וויגט מיך איין,
א ציגיינער ליד ערגעץ שטיל
הילכט-אפ אין דעם לבנה-שיין.

ראש השנה אין שפּיטאל

גרייסער גאָט! דו ווייסט פון אלעס,
דו הערסט דעם קרעכץ פון קראנקן בעט.
צו דיר, איך ווענד זיך אָן דעם טלית,
פון שפּיטאל מיט גרויס געבעט:

איין דער ראש-השנהדיגער נאכט,
איינזאם ליג איך דא אין בעטל,
מיין גורל, בעט איך דיך באטראכט,
און פארצייכן אויפן צעטל.

דאס בעסטע אויף דער ערשטער שורה,
געדענק, אה גאטעניו, געדענק!
מיט דיין גאנצער מאכט און גבורה,
געזונט און גליק אונדז גיב און שענק.

זאלן די רעשטלעך פון די יידן
אין אלע עקן פון דער וועלט,
מיט דיין צעטל זיין צופרידן,
גיב זיי אלעס וואס זיי פעלט.

ברענג זיי דארט, וואוהין זיי שטרעבן,
לויז זיי אויס פון פעלקער שפּאט,
און דעם גאנצן זייער לעבן,
זיי וועלן זאגן: „א דאנק דיר גאט!"

בלומען אין שפּיטאל

פּרעכטיקע בלומען, רייצענדע־ליבע,–
פון הימל געבענטשטע מיט צויבער זייט איר,
איר מונטערט און שטאַרקט מיר, אין טעג מיינע טריבע,
מיט טרייסט־ווערטער ווארימע קומט איר צו מיר.

יעדעס בלעטל רומט מיר א צערטליכע תפילה
און דרינגט אין נשמה אין מיינער אריין,
הארציקע ברכות ריינע און שטילע
בלויז ביי אייך בלומען קענען נאר זיין.

פאלט דאן אראפּ א שטיין פון מיין הארצן,
א פריידיקע לידל צו אייך, דאן איך זינג,
איך פארגעס אין מיין וועטיק, פארשווינדן די שמארצן
און ס׳ווערט מיר מיט אייך אזוי לינד, אזוי גרינג....

<u>דריי רויזן</u> (אין שפיטאל)

דריי רויזן האבן געבראכט מיר גרוסן
פון וועמען, פון וואנען ניט געלאזט האט מען וויסן,
שוויגן די בלומען... איך קוק און איך טראכט
און קען ניט צוטראכטן ווער האט זיי געבראכט.

אפשר גאר „זי", אפשר גאר „ער",
דריי איך מיין מח אהין און אהער,
און די בלומען, דעם סוד אין זיך שטיקן,
זאגן ניט אויס ווער געקענט האט זיי שיקן.

× × × × ×

מיין היימיש שטעטעלע

מיין היימיש שטעטעלע, אומשולדיקע קרבן,
די האנט פון דעם שונא האט דיך ניט פארפעלט,
מענטשן וואס זיינען בארבאריש פארדארבן
דיך פארוואנדלט אין א בלוטיג פעלד.

דעם מארק מיט די קראמען, די הייזער געצונדן,
איך וועל זיי ניט זעהען שוין מער,
טיף אין מיין הארצן זיינען די וואונדן,
ס'פאלן א טרער נאך א טרער...

דיך איבערגעלאזן אויף הפקר אליין
פארפלויגן בין איך איבער ימען,
עס פלאגט מיין געוויסן, ווי קען עס זיין ריין
ווען איינגעהילט ביסטו אין פלאמען?

ווי קען איך, מיין שטעטעלע, דיך פארגעסן?
טייער איז דיין אנדענק צו מיר,
די פרוכט פון די סעדער האב איך דארט געגעסן
כוחות געשעפט אן א שיעור.

גערוט האב איך, ביי דיין לויפענדן טייכל,
ניט געוואוסט, ניט געטראכט פון סכנה,
די לאנקע די גרינע, דער „באראק" אויפן בערגל
איז געווען פון גאט א מתנה.

די האנט פון דעם שונא האט דיך ניט פארפעלט,

די הושענה

היינט אין דער פרי ווען ס'האט אנגעהויבן טאגן
האט א ייִנגעלע ארום שול הושענות געטראגן,
היך און צוריק ער גייט און ער לויפט,
האב איך ביי אים א הושענה געקויפט.

איך האב די הושענה צום הארצן געדריקט,
דערפילט ווי די טרערן האבן געשטיקט,
זי האט מיר דערמאנט די קינדערשע יארן,
דאס שטעטעלע, ווו איך בין געבוירן געווארן.

אין סוכה געזעסן אונטער אפענעם דאך
געדעקט מיט נאדעלדיקע לאפעס סכאך,
די מאמע מיט שאלץ, גליק און פרייד,
קרעפלעך דערלאנגט אין יום-טובדיקער קלייד.

אה, גליקליכע צייטן, אה קינדערשע יארן!
ווו זייט איר פארשוואונדן, נעלם געווארן?
די סוכה ניטָ/מער, - ווו זיינען די מענטשן
וואס פלעגן דעם אתרוג אמאל אין איר בענטשן?

נאר „דו" וועסט פארבלייבן פון דורות צו דורות
מיט זיך וועסטו ברענגען אלץ נייע זיכרונות,
דו זאלסט זיי ערמוטיגן ווי מיך היינט,
מיין טייערע הושענה, מיין אייביקער פריינד!

מיין גאָרטן

איך האָב אַ גאָרטן געפּלאַנצט
מיט רויזן באַזעצט,
מיט אַ מאַמעס טרער
די ביימלאַך באַנעצט.

מיט ליבע־טראָפּנס
די בלעטלעך באַדעקט,
מיט האָף און מיט מוט
ס'האַרץ האָט געוועקט.

ווי שווער אָנגעקומען
ס'פּליכט טאַטע־מאַמען,
אין גאָרטן די בלומען
פאַרהיטן אין צאַמען.

די ביימלאַך באַפּוצן
זיך איבער זייי בייגן,
אָפטמאָל דער הימל
מיט וואָלקנס פאַרצייגן ...

א פֿייערדיקע ווארט

אה, ווען א פֿייערדיקע ווארט
וואלט די מוזע מיר געשאנקען,
ווי וואלטן אויף יעדן ארט,
געפֿלויגן פֿלאמענדיקע פֿונקען.

מיט זיי, וואלט איך די וועלט געצונדן,
ליכטיקייט דורך אויס געשפּרייט,
פֿעלקער וואלטן זייך געבונדן
אין איין ברידערלעכער קייט.

אך! ווי געדירט כ'וואלט געלאכט,
ווי געבריט וואלט מיין טרער,
די וועלט, פֿארשעמט וואלט אויפֿגעוואכט,
און פֿארניכטעט דאס געווער

צוויי נשמות (איך און ליבערזאן)

אט דאכט זיךביידע ערשט פארבראכט,
איינער דעם צווייטן פארשטאנען,
א קלינגענדיק עכא אין אונדז האט געוואכט
פון ערגעץ, איך ווייס ניט פון וואנען.

ווייט, ערגעץ טיף האבן נשמות געלעבט,
פארכישופט האט אונדז זייער שפראך,
ארום דער לבנה פאנטאסטיש געשוועבט
אויף דעם פרייען לאזורענעם דאך.

א געטליכע שטימונג האט פייער געצונדן
אין פארכישופטע וועלטן געטריבן.
און פלוצלונג... איז איינע אין הימל פארשוואונדן
די צווייטע פאריתומ'ט געבליבן.

א בריוו פון די ביטש (צו מיין פרוי)

איך בין ווייט פון שטאט,
פון גאסן שטויב,
פון די הייזער מיט פארמויערטע ווענט,
מיט ליבע געזאנג די נאטור דא איך לויב,
וואס מיין הארץ האט מיט ליבשאפט פארברענט.

מיט ליבשאפט צום טייך, צום זודיקן זאמד,
וואו איך קען זיך צעשפרייטן און פילן
ווי נאר צו מיר אליין באלאנגט דאס לאנד,
ווי צו מיין טייך קומען אלע זיך קילן.

אפילו די זון וואס שיינט אין דער הויך,
וואס ווארפט אירע שטראלן אראפ,
די לבנה, די שטערן באלאנגען מיר אויך,
און שימערן איבער מיין קאפ.

דא ווערט ניט **פארגאסן** קיין איינציקע טרער,
קיין מלחמות, קיין אומשולדיק בלוט,
דו וועסט ניט געפינען א שטיקל געווער
וואס ס'זאל שטערן פון פרידן דעם מוט.

איך קען ניט באשרייבן דעם וואונדער
וואו נאר איך ווארף דא א בליק,
ווען דו וואלסט ניט זיין דארט באזונדער
פארפול וואלט געווען מיין גליק.

(אין די ביטש)

איך האב דערציילט

איך האב דערציילט דעם טייכעלע
אז איך קען אן איר ניט זיין,
האט זי מיר, אין אירע ארעמס
איינגעהילט אין זונען-שיין.

איך האב דערציילט דעם בוימעלע
אז איך ווער פון היץ דערשטיקט.
האט זי צעשאקלט אירע בלעטער
און מיט זיי מיין הארץ דערקוויקט.

איך האב דערציילט די גרעזעלעך
אז איך פיל זיך שוואך און מיד,
האבן זיי דעם ווינט גערופן
און געוויגט מיך מיט א ליד.

איך האב דערציילט דעם ברודער-מענטש
ווי די אומעט פייניגט מיך.
און גלייכגילטיק מיט א קוועטש,
פון מיר דערווייטערט האט ער זיך...

א ברידועלע דער מאמען פון די ביטש

ווידער בין איך מיט דעם דעדי געקומען
זיך אפקילן דא אין די ווארימע טעג.
כ'האב שוין דא היינט געבאדן, געשוואומען,
געלעגן אויפן זאמדביים ברעג.

איך ליב ווען די כוואליעס ווארפן מיך אום,
זיי לאזן ניט שטיין אויף די פיס.
די קולות, די גוואלדן ארום און ארום
קלינגען מיר אפ אזוי זיס.

מיר גייען צום פיער ווען ס'קומט אן די נאכט
די זון פארגייט דאן אין פלאמען,
דער ווינטעלע גלעט, ווי גוט איז, איך טראכט:-
דא זיין מיט דעם דעדי צוזאמען.

אויף מארגן דאס זעלבע ווילדע געשרייען
הערן זיך ווייט פון דעם פיער,
נאך מער וואלט איך געקענט זיך פרייען
ווען דו וואלסט געווען דא מיט מיר!

מאדערא ביטש   צו מיינע פריינט מיראף

דעם רויש פון ים, דעם כוואליע שטראם
באצויבערט הער איך פון דער ווייט,
איך זע די שיין פון דער לבנה
און די שטערן זייט ביי זייט.

איך הער ווי אטעמט יעדער שפריץ
וואס לויפט צום ברעג און פליט צוריק,
ס'טרייבט אוועק די לייד פון היץ,
פילט אן די ברוסט מיט פרייד און גליק.

קאלירן אויסגעמישט מיט קלאנגען:
געלע, רויטע, גאלד און גרין,
געשמידט איך קייטן מיך געפאנגען
און שלעפן מיך צו אייך אהין.

צו מיין הינטעלעס 5טן געבורטס-טאג

וואס קען איך דיר ווינטשן,
וואס קען איך דיר זאגן,
ביסט מער שוין קיין בייבי
דו זעסט דאך אליין,
וואס מער דו ביסט אין לעבן דערשלאגן,
אלץ וויי ניקער וויל דיר, דער צווייטער פארשטיין.

אזוי יונג ביסט געווארן
אנטוישט אין חברים,
אין זיי האסט פארלוירן
דיין גלויבן, דיין מוט.
אפטמאל באפאלן דיך די גרעסטע גיבורים,
זיי באזיגן דעם שוואכן, צורייסן ביז בלוט.

אזוי איז די וועלט, מיין קליינינקער „פאג",
כאטש איך געזונט פון נאטור ביסטו שוואך,
באפאלט דיך דער שטארקסטער ביינאכט סיי ביי טאג,
תמיד דארפסט זיין אויף דער וואך.

אנקלייף פון די הינט, האלט זיך פון ווייטן,
זיי פון זיי בעסער און קליגער,
גאנץ וועלן אלעמאל זיין דיינע זייטן,
בלייבן וועסטו תמיד דער זיגער.

פרילינג'ס לוסט

ריימלט דער הימל, וואכט דער פרימארגן,
איבער דעם טייכל א פויגעלע פליט,
זינגט זיך א לידל, ווייסט ניט פון זארגן,
יובלט די פרייהייט מיט ליכטן געמיט.

ליגט מאיעסטעטיש די לאנקע די גרינע,
גענערט פון הימלשער ברוסט,
מיט דופטענדע פערפומען די געטליכע בינע
רוט זיך פארזונמען אין לוסט.

פלוצלונג איז אלעס פארטונקלט געווארן,
דער הימל דערשיטערט, פארטראכט,
באשפריצט האט א רעגן די יונגינקע קארן,
א בליץ דורכגעפלויגן, א דונער געקראכט.

און ווידער האט פרילינג א וואונדער באוויזן,
פרימארגן-שטראלן צעגאסן זיך באלד,
צעטריבן די וואלקנס, די הימלשע ריזן.
נאך שטארקער צעפלונגען די טרעלן אין וואלד.

ליבע לידער

שמחת-תורה

הוליעט, הוליעט יידעלעך,
דרייט זיך, איך א רעדעלע,
זינגט אייך לוסטיק לידעלעך
פרייט זיך מיט דער תורה׳לע,
אי-אי-אי, אי-אי-אי-אי, אי-אי-אי!
זינגט אייך לוסטיק לידעלעך,
פרייט זיך מיט דער תורה׳לע!

נעמט איך ראד די קינדערלעך,
פלעכט אייך אויס מיט זיי א קראנץ,
מיט פלאמענדיקע ליכטעלעך,
גייט א שמחת-תורה טאנץ.
אי-אי-אי, אי-אי-אי-אי, אי-אי-אי!
מיט פלאמענדיקע ליכטעלעך,
גייט א שמחת-תורה טאנץ.

זעט נאר, זעט נאר ווי זי קווועלט,
ווי קלינגען אירע גלעקעלעך,
יידן פון דער גאנצער וועלט,
קושן אירע בעקעלעך.

אי-אי-אי,אי-אי-אי-אי, אי-אי-אי!
יידן פון דער גאנצער וועלט
קושן אירע בעקעלעך.

א נייע צייט, א נייע וועלט,
נייע זאכן אויסגעשטעלט,
פארבליבן איז די תורה אלט
מיט איר געטלעכן געשטאלט.

אי-אי-אי, אי-אי-אי-אי, אי-אי-אי!
פארבליבן איז די תורה אלט,
מיט איר געטלעכן געשטאלט.

גיסט-זשע אן דעם בעכער פול
מיט דעם יום-טובדיקן וויין,
צו הקפות אינ׳ם שול
לאמיר פריילעך זיין!

אי-אי-אי, אי-אי- אי-אי, אי-אי-אי!
צו הקפות אינ׳ם שול
לאמיר אלע פריילעך זיין!

רוסיש מעלאדי:
סוויסטשעט פאראוואז

פאטער׳ס טאג

קינדער, באשיינט היינט דעם טאטן,
דעם קעניג פון היינטיקן טאג.
באפרייט אייער בענקענדן טאטן,
די קייטן פון טעגלעכער זארג.

ווייזט אים ארויס אייער ליבע,
אזוי ווי ער טוט עס צו אייך.
דאס איז דאך די גרעסטע מתנה,
צי קען ווער זיין צו אים גלייך?

זיין הארץ וועט דאך אויפהערן בענקען,
ניט דריקן וועט אים מער די לייד.
דעם טאג וועט ער לאנג נאך געדענקען,
די שטונדן פון נחת און פרייד.

אמאל איז ער אויך יונג געוועזן,
געוועזן איז ער יונג און בראוו.
מיט זיין גאנצער נשמה און וועזן
האט אפגעהיט דעם כבוד אב.

איז קלייבט זיך היינט קינדער, איין איינעם,
לאזט אים ניט איבער אליין.
אויף זיין קאפ, דעם גרויען און שיינעם,
טוט אן די גאלדענע קרוין.

מוטערס-טאג

א צערטלעכער טאג פאר א מאמען,
פאר קינדער - א ליבלעכע שפיל,
זיי איילן זיך ניט צו פארזאמען,
אויסגיסן צו איר דאס געפיל.

מתנות פון ווייט אלע שיקן,
פון נאענט זיי ברענגען פאר איר,
צום הארצן די מאמען זיי דריקן,
און קושן זי גאר אן א שיעור.

א מאמע קוקט אויס אירע אויגן,
אין פענצטער זי קוקט און זי ווארט,
איר הארץ האט א בענקשאפט געצויגן,
פון ווייט האט זי עפעס געגארט.

און באלד איז א שליח געקומען,
געקלונגען האט ער אין איר טיר,
א קעסטל א לאנגן מיט בלומען,
האט איבערגעגעבן צו איר.

אין אים איז א קארטל געשריבן:
„מיט ליבע מיר שיקן עס דיר."
איר בענקשאפט זיי האבן פארטריבן,
געפרייט האט זי זיך אן א שיעור.

עס האבן דערמוטיקט די מאמען,
ווארעמע ווערטער א פאר,
אזא צערטלעכער טאג פאר א מאמען,
בלויז איין מאל, בלויז איין מאל אין יאר...

רוסיש מעלאדי:
אוי צערקווי סטאיאלי קארעטי

די בלום

א פראכטפולע בלום האט איך וואזע געלעבט
דערפרישונג פון וואסער איך זיך האט געשעפט,
געשפרייט האט זי ריחות, געאטעמט, געבליט,
איר פרעכטיק קאליר האט געגלעט מיין געמיט.

איז געווארן די וואזע פארעלטערט מיט צייט,
א פלעק זיך באוויזן בא איר אויף דער זייט,
טראפנס נאך טראפנס געראנען ארום,
פארוועלקט איז געווארן די ליבלעכע, שיינע בלום.

געליבט האב איך דאך מיט מיין גאנצן יוגנט ברען,
מיט פרייד און מיט גליק איז מיין לעבן פול געווען,
די זון איך פרימארגן האט ליכטיק געשיינט,
אזוי ווי די בלום האט געבליט פאר מיר דער היינט...

פארקילט איז געווארן איר ליבע צו מיר,
צובראכן מיין הארץ איז פון בענקשאפט נאך איר,
טראפנס נאך טראפנס געטריפט האט דאס בלוט,
פארוועלקט איז געווארן מיין יוגנט לעבנס-מוט.

רוסיש מעלאדי:
וואלס "בעראזקא"

טייערע מאמע

טייערע מאמע, איך זינג דיר א ליד,
דו ביסט אונדזער קרוין, אונדזער מאמע,
מיט ליבע צו דיר צאפלט אויף יעדער גליד,
מיין ליבינקע, טייערע מאמע!

דו האסט דיינע יארן די יונגע פארשקלאפט,
די קינדערלעך שווער האסט ערצויגן,
פיל דאגות און זארג האסט זיך איינגעזאפט,
די נעכט ניט געשלאסן די אויגן.

יאנקעלעך האסטו איך חדר געפירט,
חנה׳לע איך וויג נאך געלעגן,
און איך האב נאך קוים מיינע פיסלעך גערירט,
פארלאפן האסטו אונדז די וועגן.

לויפן און פליען די יארן פארביי,
די קינדערלעך גרויס שוין געווארן,
פון דאגות און זארג נאך די מאמע ניט פריי,
אזוי ווי ערשט נעכטן געבוירן.

א בירור

געדענקסט די שטראלן ווי געזונקען
און דעם טאג האט נאכט פארביטן,
ווי דו האסט מיט פלאמען פונקען
צוגעזאגט דיין שבועה היטן?

האסט געשווארן מיך געדענקען
נישט צו שטערן אונדזער גליק,
און געבליבן בין איך בענקען,
ביז קומען וועסטו אויף צוריק.

די נאכט, האט מיך א דאקטער ניט פארלאזן,
ביז טאג איז ער געשטאנען לעבן מיין בעט,
נאר איין געדאנק האט מיך ניט אפגעלאזן,
אז דיין קומען קען שוין זיין צו שפעט.

צו וואס פארגיסן דאן אומזיסטע טרערן,
אצינד, צו דיר, מיט איין פארלאנג איך שטרעב,
דו זאלסט, וואס גיכער זיך צוריק אומקערן,
צו מיר, א ליבער! כל-זמן איך לעב.

געדענקסטו די נאכט?

געדענקסטו די נאכט, געשמעקט האט מיט רעגן,
אין פעלד האט געדונערט, געבליצט אן א שיעור,
צום הארצן געדריקט האסטו מיך ווי א מוטער איר קינד,
פון שרעק ווי די בלומען מיר האבן געשוויגן,
און ווארטער פארשטאנען האסט מיך.
ווי גוט איז געווען אונדז צו זיין דארט צווייען,
ווייט פון מענטשן... אליין...

פון יענער נאכט, אלץ ווייטער און ווייטער,
ווילד איז דער שטורעם פארבליבן אין הארצן ביי מיר,
מיט זודיקע טרערן באגיס איך די בלומען
וואס זיינען די עדות געווען.
די נאכט האט פארשלונגען די לוסטיקע טרוימען
וואס האבן געוועבט אונדזער גליק,
די קלאנגען פון ליבענדע, הארציקע קושן,
פארשוואונדן איז אין יענער נאכט...

ענגליש מעלאדי:
בייסאמיי מוטש א

פינצטערע נאכט

פינצטערע נאכט, אך ווי ליב איך דיך, פינצטערע נאכט!
אך ווי ליב איך אזוי, דיינע שטערן, די ליכטיקע קלארע,
יעדער פונק, יעדער פלי אין דעם הימלשן רוים
וועקן פארלאנגען בא מיר אין מיין הארץ.. .

פינצטערע נאכט, אך ווי ליב איך דיך, פינצטערע נאכט!
אך ווי ליב אזוי אין דעם פעלד דעם גערויש פון די זאנגען,
יעדער גלעט פון דעם ווינטעלע נעמט מיך ארום,
און איך ווער אויך פארוויגט ווי א זאנג אין דעם פעלד...

פינצטערע נאכט, אך ווי ליב איך דיך פינצטערע נאכט!
ווען דו טראגסט מיך אוועק אויף די פליגלען, אויף דיינע צעשפרייטע,
יעדן שלאס פון דיין אוצר דו עפנסט פאר מיר,
און איך שעפ פון דעם קוואל און איך שעפ פון דער נאכט...

רוסיש מעלאדי: צאמנאיא נאטש

<u>דער פרילינג קומט</u>

דער פרילינג קומט,
דאס טייכל ברומט,~~קלאנגעך~~
קלאנגען טראגן זיך אין רוימען,
דער פרילינג קומט מיט ליבע טרוימען,
נאר ניט פאר מיר דער פרילינג קומט...

דער נאכטיגאל אין שטילער נאכט
צעגיסט אין גארטן זיסע טרעלן,
דער פרילינג קומט אין ליכט אין העלן,
נאר ניט פאר מיר דער פרילינג קומט...

דער פרילינג קומט און ברענגט מיט גרוסן,
מיין ליבער וועט צוריק זיך קערן,
עס קלאפט מיין הארץ מיט פריידן טרערן,
און אויך פאר מיר דער פרילינג קומט!

רוסיש מעלאדי:
וועסנא אידאט

איך ליב

איך ליב דאס לידעלע פון דעם ווינט,
אומעטום ווו וואקסט און גרינט,
אין דעם גאלדענעם פרילינג-שיין,
וויגט מיך דאס לידעלע איין.

איך ליב די בלימעלעך אין דעם פעלד,
זיי באצירן מיך ווי א העלד,
מעשה׳לעך פרילענדע גאר אן א שיעור,
דערציילן די בלימעלעך מיר.

איך ליב דעם גארטן, איך ליב דעם טייך,
דעם הימל, די שטערן, זיי אלעמען גלייך.
איך ליב צו הערן ווי סוד׳עט די נאכט,
און שטילן דרימל פארטראכט.

איך ליב אין וואלד מיט די פייגעלעך זיין,
ס׳וואכט די מוזע אין מיר אויף דאן,
ס׳צאפלט אויף אין מיר יעדער גליד,
איך זינג מיט זיי א ליד.

לויפט א טראיקע

לויפט א טראיקע, פערדלעך שפרינגען,
פליט דער שניי אונטער די פיס,
איך הער די גלעקעלעך, ווי קלינגען
אזוי הארציק, אזוי זיס.

ער קומט, ער קומט, ער קומט אהער, (
ס׳קלאפט מיין הארץ אלץ שטארקער, מער. (2 מאל
(

שא! אט האבן זיך די פערדלעך
אפגעשטעלט זיך לעבן טיר,
כ׳הער די טריט זיינע אויף די טרעפלעך,
לויפט אנטקעגן גלייך צו מיר.

ער לויפט, ער לויפט. ער לויפט אהער, (
ס׳קלאפט מיין הארץ אלץ שטארקער. מער. (2 מאל
(

אך! ווי קאלט. כ׳בין פארפרוירן,
פינצטער-פראסטיק איז די נאכט,
די פערד האבן דעם וועג פארלוירן,
דער ווינט האט מיך אהער געבראכט.

דער ווינט האט עס געבראכט אהער, (
ס׳קלאפט מיין הארץ אלץ שטארקער, מער. (2 מאל
(

רוסיש מעלאדי:
טרויקא סקאטשעט

אייגעלעך שווארצע

קוקט די לבנה
אין פענצטער ביינאכט,
פון אייגעלעך שווארצע
איך שלאף ניט און טראכט.

אך, יענע אייגעלעך
די שווארצינקע, ווי שיין,
אך יענע אייגעלעך
צום טייוול זאל דאס גיין!

איך דרימל נאר איין
מיינע אויגן איך שליס,
פון רייטשינקע ליפעלעך
חלום איך זיס.

רוסיש מעלאדי:
גידיע זשע טא אוליצא

אך יענע ליפעלעך,
די רייטשינקע ווי שיין,
אך, יענע ליפעלעך,
צום טייוול זאל דאס גיין!

ציינדעלעך, פערעלעך,
שנירעלעך צוויי,
לאזן ניט רוען
ווי בענק איך נאך זיי.

אך יענע ציינדעלעך,
ווי שמייכלען זיי מיט חן,
אך יענער שמייכעלע,
צום טייוול זאל דאס גיין!

די פעכענע לאקנס,
די פלאמיקע בלום,
אין הימעלשע רוימען
טראגן מיך אום.

אך יענע לאקנס,
די בלימעלע ווי שיין,
לאזן מיך ניט איינשלאפן,
צום טייוול זאל דאס גיין!

מײַן קערבעלע

פול איז מײַן קערבעלע,
זאקן, א בענדעלע,
הענטשיקלעך, זאנטשיקלעך,
טראג איך ארום.
סיצענע קלײדעלעך
קויפט בײַ מיר מײדעלעך,
שנירעלעך, פערעלעך,
זײף, פערפיום.

צי האסטו איך קערבעלע
א זײדענע טיכעלע,
מיט רײטשינקע קװײטעלעך
קויפן איך װיל.
צי האסטו א ביכעלע
כישעף א ביסעלע,
מיך זאל פארדרײען
אין טײװולשן שפיל...

רוסיש מעלאדי:
פאלנא מאיא קאראבושקא

טיכעלעך האב איך
מיט גאלדענע פויגעלעך,
װי דײַנע אויגעלעך שײַנען ארויס,
ביכעלעך דיכטערשע,
לוסטיקע־קינדערשע,
װעלכע דו װילסט נאר
קלײב זיך דיר אויס.

די נאכט פאלט א פינצטערע
קומט זי, די מײדעלע,
סחורה פארקויפט איר,
דער סוחר, דער העלד.
װײס נאר די נאכט
װי זײ האבן געהאנדלט,
עס װײסן דעם סוד,
נאר די זאנגען אין פעלד...

קום מיין געליבטע!

שוין לאנג איז פארטיק דאס שיפל,
שוין לאנג איך ווארט אויף דיר,
קום-זשע, קום מיין געליבטע,
ווי גליקלעך איך וועל זיין מיט דיר.

שווימען וועלן מיר איבער ימען,
אהין, וואו די זון פארגייט,
וואו זינקען די שטראלן אין פלאמען,
זיין וועלן מיר ניט צעשיידט.

הינטער די וואלקנס געדיכטע,
טיף אין דעם הימעלשן רוים,
מיט פליגלען מיט ווייסע באצירטע,
שוועבן אין ליבע און טרוים.

איז קום שוין, קום מיין געליבטע,
קום אין דעם שיפל אריין,
פארוויקלט אין פלאמען געדיכטע,
וועסטו מיין מלאך דארט זיין.

רוסיש מעלאדי:
דאוונא גא טא ווא לאדקא

<u>רחלה</u>

רחלה, רחלה, קום צוריק,
ברענג מיר, רחלה, פרייד און גליק,
ברענג מיר גליק, זונען-שיין,
כ׳קען אליין אן דיר ניט זיין.
רחלה מיין, ליבסטע דו מיין.

אן דיר, בין איך עלנד, ס׳טוט מיר באנג,
אזוי ווי איך פעלד שטייט איין אײנציקע זאנג,
וויגט אהין, וויגט אהער,
אן דיר איז מיר שווער,
רחלה מיין, ליבסטע דו מיין!

שיין ביסטו רחלה, ווי א בלום,
שוועבסט ווי א מלאכל אין מיין טרוים,
דורכן טאג, דורכן נאכט,
נאר פון דיר, נאר איך טראכט.

אוקרייעניש מעלאדי:
יאק דא טעבע כאדיטי

די רויז

א ליבליכע רויז האט איך וואזע געלעבט,
דערפרישונג פון וואסער איך זיך געשעפט,
געשפרייט האט זי ריחות, געאטעמט, געבליט,
איר פרעכטיק קאליר האט געגלעט מיין געמיט.

איז געווארן די וואזע פארעלטערט מיט צייט,
א פלעק זיך באוויזן בא איר אויף דער זייט,
טראפנס נאך טראפנס גערונען ארום
פארוועלקט איז געווארן די ליבלעכע בלום.

שטייט זי געבויגן, דעם קאפ אויפן טיש,
די בלעטעלעך צארטע, שוין זיינען ניט פריש,
אומזיסט האט די זון זי איך פענצטער געוואכט,
זי האט אויסגעהויכט ביז געקומען די נאכט.

רוסיש מעלאדי: וואלס „בעראזקא"

אלע זאגן

אלע זאגן אז איך בין א ווינטעלע,
אלע זאגן אז איך בין א ווינט,
פארוואס זשע, אויף יעדן קען איך פארגעסן,
נאר וועגן איינעם פארגעס איך דאך ניט.

אלע זאגן אז איך בין א שטיפערקע,
איך פארב מיינע ליפן, די באקן צו רויט,
פארוואס-זשע מיין יאנקעלען בין איך געפעלן,
ער קוועלט ווען ער זעט מיך, זיין הארץ ווערט צעשפרייט.

אלע זאגן, איך שלעפ נאך די מאדע,
די האר איז צעצויגן, קורץ איז מיין קלייד,
פארוואס זאגט מיר יאנקעלע, זאלן זיי זאגן,
הער זיך ניט צו, צו די ווייבערשע רייד.

אלע זאגן, איך שפרינג ווי א ציגעלע,
אלע זאגן, איך פיר זיך ניט שיין,
פארוואס זשע, מיין יאנקעלע, האלדזט מיר און קושט מיר,
און וויל צו דער חופה מיט אים זאל איך גיין.

(מעלאדי: ווּסיע גאוואריאט)

ליבע

ליבע און בענקשאפט, —
צוויי מערדער, מיראנען,
רייסן זיך ארייַן
מ׳ווייסט ניט פון וואנען.

דעם ווייטיק פון הארצן
מ׳קען קיינעם דערציילן,
די טיפע שמארצן,
קיין דאקטער קען היילן.

גליק

שיינע פליגלעך האט דאס גליק,
גלענצענדע, א פראכט,
ס'קומט צופליען ווי א בליק,
ס'פארבלייבט איבער א נאכט.

אויף מארגן, עפנסט נאר די אויגן,
יעדן ווינקעלע דו זוכסט,
ס'גליק איז שוין אוועקגעפלויגן,
און איך הארצן, ווידער פוסט...

פֿאַרשיידענע לידער

דאס לעבן איז א לידעלע

דאס לעבן איז א לידעלע,
א וויץ, א שפאס, א פידעלע,
שפילט זי אויס א טענצעלע אונדז,
איינס, צוויי, דריי,
מיר דרייען זיך,
מיר פרייען זיך,
די קלאנגען ווייט צעפליען זיך,
טאנצט מיט די גאנצע וועלטל
איינס, צוויי, דריי.

דאס לעבן איז א שפילכעלע,
עס מאלט זיך ווי א מילכעלע,
פולע זעק, מיר שלעפן פעק,
איינס, צוויי, דריי,
דאס רעדל דרייט זיך טאג און נאכט,
איינער וויינט, א צווייטער לאכט
לאכט מיט די גאנצע וועלטל
איינס,צוויי, דריי.

דאס לעבן איז א רינגעלע,
א שטיפערל, א יינגעלע,
א מיידעלע, א חיינדעלע,
איינס,צוויי, דריי.
א קוש, א גלעט איין בעקעלע,
א חופה אויף א שטעקעלע,
שפילן קלעזמארימלעך:
איינס,צוויי, דריי.

א וואסער-מיל

דאס לעבן איז א וואסער-מיל
ווו אלעס מאלט זיך איבער,
גוטס און שלעכטס און האס-געפיל,
מיט צאפעלדיקן פיבער.

לויפט דאס וואסער אן און עק
און שמייסט דעם לעבנס מוּוער,
מיר, די מילנער, שלעפן זעק,
מיט גליק און סיי מיט טרויער.

וואס עס ליגט דארט אין די זעק,
איז נישט באוואוסט, נישט קלאר איז;
פאראנען זעק געפילט מיט גליק,
און זעק - געפילט מיט צרות...

פרילינג

רוט דער פרילינג אין מיין זעלע,

פרילינג

רוט דער פרילינג אין מיין זעעלע,
שפילט די הארפע איר לוסטיק ליד.
אין די פרילינג טעג די העלע,
צאפלט אויף מיין יעדער גליד.

פון די פעלדער שפראצט ס׳לעבן,
שוועבט א טיפע פרייד ארום,
ווארפט אראפ די זון פון אויבן
הייסע שטראלן צו דער בלום.

אך, ווי ליב דו ביסט מיר פרילינג,
פילסט מיין הארץ מיט פריידן לוסט,
דו ביסט מיין טרוים, מיין שיינער צווילינג,
דריק מיך שטארקער צו דיין ברוסט.

טראג אוועק מיך אויף די פליגלען
דו שיינער, ליבער מלאך מיין,
אין די העלע בלויע הימלען,
מיט דיין וויג-ליד שלאף מיך איין!

זינגט ס'פייגל

זינגט ס'פויגל, ווערט ניט מיד,
אין דעם גרינעם פעלד,
וועקט און רופט זיין הארציק-ליד
דעם אייביק פרילינג-העלד.

נאר דער נאכטיגאל קען עס זינגען
קיין איינער ניט ווי „ער",
מיט וואונדער-קינסטלערישע קלאנגען
דריקט ער אויס באגער.

ווערט נאטור דאן אנגעפילט
מיט בענקשאפט און מיט פרייד,
אלץ ארום ווערט איינגעשטילט:-
אי צער, אי טיפע לייד...

דער הימל איז בלויער

דער הימל איז בלויער,
דער הימל איז לויטער,
די פייגל אין רייען
פליען אלץ ווייטער.
פארוואס האסטו גאט,
מיר קיין פליגלען געגעבן,
די ערד כ'וועל פארלאזן,
פליען מיט זיי.

הינטער די וואלקנס
אלץ העכער איז בעסער,
ווייט פון דעם שונא,
וווּ לויערט דער מעסער,
גאטעניו, איך בעט ביי דיר פליגעלעך צוויי
אין הימעלשע רוימען פליען מיט זיי.

אין די באגינען,
רו דארט געפינען,
פון האס דארט ניט וויסן
בלוט ניט פארגיסן,
פול איז די ערד מיט דעם שרעקלעכן וויי,
גאטעניו, גיב זשע מיר פליגעלעך צוויי.

וואַלקינס

דרימלען אין טייכל וואַלקינס און רוען
באַדעקט מיט דעם נעבל-טומאַן,
זיי זיינען געקומען אין טייכל אויסרוען,
פאַרשלאַפטע פון ווינט, דעם טירן.

ביז געקומען איז דער בלאַסער פרימאָרגן
און רחמנות זיי רייסן און וועקן,
און דער שטורעם זיי טרייבן און יאָגן
מיט זיין מעכטיקן וואַנדער-שטעקן.

נאָר וועז באַלייכטן די גאָלדענע שטראַלן
דעם טוי אויף די בלומען אין פעלד,
דאַן, אין דער אומענדליכקייט, ווערן זיי פאַרפאַלן
באַפרייט פון דעספּאָטישן העלד.

שטערן

שטערן ליכטיקע,
זויבער ציכטיקע,
שטערן גלאנצנדע
לוסטיק טאנצנדע,
ווי איך ליב דאך אייך,
ווי איך בענק נאך אייך
אין דער לבנה-נאכט
זע איך אייער פראכט.

דורך די זויבער-נעכט
בין איך אייער קנעכט,
איר באהערשט מיין שלאף,
מיט אייך איך טרוים און האף.
איר וואכט אויף מיינע טריט
איר צערטלט מיין געמיט.
שטערן טייערע
אייביק פרייערע.

איך קוק אויף אייך און טראכט
ווען איך האב די מאכט
שפיגלען זיך מיט אייך
אין דעם קלארן טייך
שימערן אין טאנץ
ביז דעם לעצטן גלאנץ
אין פרימארגן-שפיל
אויסגיין-אין דער שטיל.

מעלאדי: אטשי טשארניע

האַרבסט

טעג זיינען קלענער,
זון אַזוי קאַרג,
און וואָלקנס געדיכטע
פאַרגייט הינטער באַרג.

מאָלט די נאַטור
טונקעלע פאַרבן,
אין פעלד די בלומען
ביסלעך-ווייז שטאַרבן.

פון קלאַנגען און לידער
שוין איבער די צייט,
און רייען די פייגל
צופליען זיך ווייט.

צוטריקענטע בלעטער
ווערן פאַרטראָגן,
און גייסעסן טאָגן
ווידער זיי זאָגן.

ווינטער

טעג זיינען בלאסער,
נעכט ווערן גרעסער,
זון אזוי קארג
פארגייט הינטער בארג.
דער גארטן אין שניי,
טרויערט אזוי:
אך וווּ זייט איר, שיינע בלומען,
וווּ זייט איר אהינגעקומען?
איך האב אייך ניט מער,
עס דריקט מיר א טרער,
די צווייגעלעך פון שניי געבויגן,
די פלאטערלעך אוועקגעפלויגן,
ווי בענק איך נאך אייך.

וואלד איז אין צארן
עלטער געווארן.
גרוי איז און ווייס
מיט שניי און מיט אייז,
אין אומעט פארהילט
טרויעריק פילט:
אך, וווּ זייט איר, ליבע צייטן?
ווען פייגעלעך פון אלע זייטן
געזונגען, געטאנצט,
די זון האט געגלאנצט.
וווּ זייט איר,בלעטער מיינע גרינע,
איך זוך, און קען אייך ניט געפינען,
ווי בענק איך נאך אייך.

יינגל פארשייטער,
לוסטיקער רייטער,
שליטעלע שלעפט
נחת ער שעפט.
מונטער מיט פרייד
קלינגען די רייד.
אך! ווי גוט עס איז דער ווינטער,
די לופט איז ריינער און געזינטער.
שניי אומעטום, שענער ווי א בלום,
שליטלעך פרייען זיך און לאכן,
מענטשעלעך פון שניי זיי מאכן,
ווי גוט איז מיט אייך.

(מעלאדי: קאליע אי אליע)

אין שניי איז דער גארטן

אין שניי איז דער גארטן,
ווייס אומעטום,
קיין זכר איז דארטן
ווו געבליט א בלום.

קיין זכר און סימן
פון בלעטעלעך גרינע,
פון פליגעלעך זשומען,
פון א פרייער מינע.

דער אייז ליגט פארפרוירן,
און אויך איז דאס לעבן,
מוט איז פארלוירן
צו דענקען און שטרעבן.

טאנצט־זשע קינדערלעך

טאנצט־זשע, טאנצט־זשע, קינדערלעך,
פליעסקעט מיט די הענט,
הויבט זשע הויך די פיסעלעך,
ווייזט נאר וואס איר קענט.
דער פרילינג איז געקומען
האט אויפגעלעבט די בלומען,
איז פלעכט אייך אויס א קראנץ
און גייט דעם בלומען טאנץ.

פרייט זיך, פרייט זיך, קינדערלעך,
דער זומער קומט אן באלד.
פויגל טרעלן קלינגענדיק,
טראגן זיך אין וואלד.
די ערד מיט גרין באדעקט ער,
פרייד אין הערצער וועקט ער,
איז נעמט זיך אין א ראד
און גייט א קאראהאד.

דרייט זיך, דרייט זיך, קינדערלעך,
פאלט אייך ניט אראפ,
ווען קומען וועט דער ווינטער,
בייגט אייך ניט דעם קאפ.
ווייל פלעכטן וועט איר קינדער,
בלומען קראנצן ווידער,
און גרין וועט נאך זיין
אין דעם גאלדענעם שיין.

(מעלאדי: ען ווידיעוויצי)

פורים

א מעשה, א געשיכטע,
מיט שורה׳לעך געדיכטע,
דערציילט אונדז די מגילה,
יעדן יאר דעם נס,
ווי המן מיט די בנים,
אונדזערע גרויסע שונאים,
אומברענגען געוואלט אונדז
אין איין נאכט.

איז אויפגעשטאנען מרדכי
מיט דער שיינער אסתר,
און די יידן, אלע-אלע
אויף דער וואך,
אויף די הויכע שטאנגען
המנען אויפגעהאנגען.
איז פרייט זיך יידן
בא דער סעודה היינט.

א ליארעם, א געפילדער,
מיט גראגערס לויפן קינדער,
פורים-שפילער פול די גאסן,
גרויס ווי קליין,
שלח-מנות נאשן
מאן מיט האמענטאשן.
פרייט זיך יידן,
פורים איז דאך היינט!

מיין ליבע מייזעלע

איך אן ארעם געסעלע,
שטייט פארשמאכט א הייזעלע, פארשמאכט
דארטן אויפן בוידעם-שטיבל,
לויפט ארום א מייזעלע.
ווארפט אן אויג אויף איר ס'קעצל,
שפרייזט זיך דארט ארום.
מורמלט, טולענדיק ס'קעפל, ס'קעפל
קום - קום - קום.

קום מיין ליבע מייזעלע,
זאגט צו איר דאס קעצעלע,
דא ליגט פאר דיר א מאכעלע
איך א שיינעם טעצעלע.
קום, מיר וועלן זיך דא שפילן,
ס'איז דא אזוי פריי,
קיינער וועט דא אונדז ניט שטערן,
איינס, צוויי, דריי!

א דאנק פאר דיין מתנה'לע
ביסט א גוטע קעצעלע,
ס'איז דאך א סכנה,
מיר צו קומען צו דעם טעצעלע,
מיין מאמע איז בייז,
פארדריסט איר זייער,
וואס דו ברומסט אזוי,
איך הער דיין מאמע רופט דיך, קעצל,
גיי, גיי, גיי.

טרינקען מילך די קעצעלעך,
טרינקען פון די שיסעלעך,
אויף די טרעפעלעך לויפט ס'מייזעלע,
מיט אירע דראבנע פיסעלעך,
אט לויפט זי אראפ ס'לעצטע טרעפל,
זיי כאפן זיך ארום,
זיי כאפן זי דארט פארן קעפל,
קום, קום, קום.

(מעלאדי: רייזעלע)

הערבסט

עס רוישט די טייך, די כוואליעס יאגן,
א בייזער ווינט פייפט און דרייט.
ביז צו דער ערד די בוימער וויגן
בערג מיט שטויב הויבט און הויבט.

די לבנה שווימט א בלייכע
פון הינטער וואלקנס קוקט ארויס,
דאס שיפל טראגט מיך איבער כוואליעס הויכע
טוקט זי זיך, און הויבט זי מיך.

אין דער לופט א תהילים-לידל
וויגט מיך אין א דרעמל איין
שפיגלט אין דעם וואסער ס'הימל,
מישט זיך מיט פרימארגן-שיין.

א נאכטיגאל איז דורכגעפלויגן,
מיט לויב-געזאנג דעם טאג באגריסט,
הימל איז מיט רייטן זייד פארצויגן,
טאג מיט גאלד די ערד באגיסט.

דער מענטש און דער ווינט.

פליט דער ווינטעלע אין פעלד, פליט אין פעלד,
פליט און פייפט זיך אויס א לידל,
ענטפערט אים דאס פויגעלע: טשיריק-טשיק-טשיק,
דער ווינטעלע פליט אלץ ווייטער.

פרעג איך בא דעם ווינטעלע, איך פרעג און איך פרעג;
זאג מיר ווינטעלע, וואו פליסטו?
פרעג מיר ניט, כ'האב קיין צייט, איך פלי-פלי-פלי,
איך ווייס ניט וואוהין און פון וואנען.

לויפט דער מענטשעלע אין וועג, לויפט אין וועג,
לויפט און פייפט זיך אויס א לידל,
ענטפערט אים דאס פויגעלע: טשיריק-טשיק-טשיק,
דער מענטשעלע לויפט אלץ ווייטער.

פרעג איך בא דעם מענטשעלע, איך פרעג און איך פרעג:
זאג מיר מענטשעלע, וואו לויפסטו?
פרעג מיר ניט, כ'האב קיין צייט, איך לויף-לויף-לויף,
איך ווייס ניט וואוהין און פון וואנען.

אין קריקעט-זומער היים
ניו יארק.

אין גאטס פאלאץ האב איך צוויי טעג פארבראכט,
ווייט פון שטאט און פון מענטשן,
א מלאך אויף פליגלען האט אהין מיך געבראכט,
דער גאט פון נאטור זאל מיך בענטשן.

געבענטשט זיינען דארט די בערג און די טאלן,
מיט פרוכטן באוואקסענע סעדער,
נאר די נאטור האט געקענט דאס מאלן
מיט איר וואונדער-שעפעריש פעדער.

כ'האב זיך אויך פאר א מלאך פארשטעלט
און מיט אלע מלאכים אינאיינעם,
אריין זיינען מיר אין גאטס געצעלט.
אין א פראכטפול אויסטערליש-שיינעם.

צימערן, בלומען פלאמענדיק-רייטע,
ליכטער פון אלע פיר זייטן,
טעפיכער רונדע, לאנגע און ברייטע
דערציילן פון אור-אלטע צייטן.

בילדער, גראווירן באהאנגען די ווענט, גראוויורן
שאפעס מיט בלויזע אנטיקן,
מיט פארכאפענדן צויבער, האב איך יוים געקענט
דעם אטעם אין זיך צו דערשטיקן.

ווען פרימארגן שיין האט דעם הימל פארהילט,
און פייגל-געזאנג זיך צעקלונגען,
האב איך דאן די געטלעכע ברכה דערפילט,
א תפילה צו גאט ה'האב געזונגען:-

"געלויבט זאלסטו זיין, אה גאט פון נאטור,
"געלויבט זאלסטו זיין פאר דיין בענטשן,
"פאר דעם הימלשן חן איך פריכארגן לאזור,
"און די אוצרות וואס שאפסט פאר די מענטשן."

חנה׳לע בויט א שיף

חנה׳לעך איז ניט געפעלן
איר מאמעס קליינע שיף,
זי וויל אליין אפשטעלן
נאך איר אייגענעם באגריף.

זי זעצט זיך אויפן דיל
ארום קעסטעלעך א סך,
מיט קינדערשן געפיל
שטעלט זי קיימענס אויפן דאך.

זי שטעלט די קיימענס הויך,
פלאמעדיק זיי זידן,
ס׳גייט פון זיי א רויך,
און חנה׳לע איז צופרידן.

צו איר פארגעניגן
איז גאר ניטא קיין עק,
ס׳טייכל הויבט אן וויגן,
איר שיפל שווימט אוועק.

× × × × × ×

פערעלע

קליינע קאראפוזע וואס דו ביסט
געבענטשט ביסטו מיט שכל.
מיט יעדן קער וואו דו ליגסט
שיינקסטו מיר דיין שמייכל

אך דו מכשפעלע.
ווי זיס ביסטו, געשמאק,
ווי קען מען אזא עופעלע
ניט געבן א קוש אין באק?

ניט פיל אזיינע מיידעלאך
זיינען נאך פאראן,
וואס שטיפן מיט די אויגעלאך
ווי פערעלע פרידמאן.

מאי

ווען א מילדער ווינטל ווינקט צו מיר אין מאי
און וויגט די רויז אין א זיסן דרימל,
ווען אין רייען פליען פייגל אויף דער פריי
און דאס געזאנג צעטראגט זיך ביז'ן הימל.

ווען די טייכלאך רוישיק לויפן, ברומען
אין פריע שעהען ביז אין זון פארגאנג,
מיט סודות פול פון וואנדער-לאנד זיי קומען
און לויפן ווייטער ווייטער, לאנג און לאנג.

ווען פון די פעלדער שפראצט א נייע לעבן
און שוועבט א טיפער פרייד פון אלע זייטן,
ווען די לופט איז אנגעפילט מיט אייביק-שטרעבן
און לוסטיק קלאנגען הערן זיך פון ווייטן.

ווען פרימארגן שטראל די ערד מיט גאלד באצירן,
מיט זילבער-טוי באשפריצט די יונגע בלום,
דאן שפיר איך, ווי מיין זעעלע גאט באריט,
מיט זיינע ברכות טראג איך זיך ארום.

צו מיין הינטעלעס זיבעטן געבורטס-טאג

ווייסטו "פאגי", ליבער הונט,
אז דיינע יארן לויפן?
דו פארטראכסט זיך ניט אין גרונט,
ווילסט גארניט באגרייפן,

אז די יוגנט קומט ניט מער,
פליט דורך ווי א חלום,
איידער גיבסט זיך נאר א קער,
ווייסט דאס ניט אפנים?!

ווי איך פארשטיי און זע אין דיר
ביסט נאך גאר א קינד,
נאר דו רייסט זיך דורכן טיר
און לויפו אוועק געשווינד.

מיט הולינקעס, פארברענגען
איז דיין קאפ פארנומען,
צו וואס וועט דאס דיך ברענגען,
הא! הויבט שוין אן צו ברומען:-

ווילסטו אפשר זאגן
אז ביסט אויף אלעם גרייטן.
האסט גארניט וואס צו זארגן,
דארפסט גארנישט זיך פארגרייטן.

אז דו האסט א היים,
מיט דינסטן, מיט א וואנע,
אך! צום טיוול זאלסטו גיין,
ווי איך בין דיר מקנא!